STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02946

YOHANNES FEYER

Hermann Sudermann

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערמאן זודערמאן.

יאהאננעס פייער

דראמא אין 4 אקטען

איבערזעצט פון ל. באלליי זע. פרייז 25 סענט.



ארויסגעגעבען פון מ. לעמפערט
די יוראפיאן היברו פאבלישינג קאמפאני
61-63 ערשטע סטריט ניו יארק

די פערזאנען:

פאָגעלרייטער א גוטס בעזיצער.

פרוי פאגעלרייטער.

טרודע זייער טאָכטער.

געארג פאן הארטוויג בוי מייסטער, פאָגעלרייטער׳ס א פלימעניק.

מאריקקע גערופען היימכען, פפלעג־טאָכטער אין פאָגעל־רייטער׳ס הויז.

האפקע הילפס־פרעדיגער.

פלעטס אויפזעהער אויף פאָגעלרייטער׳ס גוט.

די מאמזעל.

א דיענסט־מיידעל.

די האנדלונג קומט פאָר אין די ענדע פון די אכציגער יאָהרען אויף פאָגעלרייטער׳ס פרייזעש־ליטווישען גוט

ערשטער אקט.

דאס גארטען צימער אין פארם־הויז. די הינטער וואנד איז געבויט פון דריי ברייטע גלאז־טהירען. וועלכע זענען אבגעזונדערט איינס פון צווייטען דורך שמאלע מויער־זיילען. אונטער דעם זעהט זיך א טעראזע איבערגעצויגען מיט אַ לייוועגד, און טרעפ וועלכע פיהרען אַרונטער אין גאָרטען. רעכטס און לינקס טהירען. אין דערמיט אַ לאַנגער עס טיש וועלכער איז געגרייט צום פרישטיק. לינקס פאָרענט אַ סאָפע. אַ סאָפע־טיש און שטולען. רעכטס אַ נייה־מאַשין, דאַנעבּען אַ קאָרב פול מיט שטיקלאַך. וואַש־לייוועגד. אויף די ווענט הענגען אַלט־מאָדישע גראַווירונגען און פאַמיליען־פאָרטרעטס. די אויסמעבלירונג איז איינפאַך אָבער בעל־באַטיש ס׳איז פריה מאַרגען.

ווען דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף, איז טרורע בעשעפטיגט ביי׳ם פרישטיק־טיש, פאָגעלרייטער און פלעטס קומען אַריין פון רעכטס.

פאָגעלרייטער: אַה! דער טייפעל האָט זיך שוין היינט ווידער צושפּיעלט גאנץ פריה! (וואַרפט פון זיך אַראָב די מיץ) גוט מאָרגען טרודע.

טרודע: גוט מאָרגען, פאַפּאַ!

פאָגעלרייטער: וואס פאָר אַ נאַכלעסיגע חברה! איהר מענט אייך שעמען, פלעטס! ווען דאָס וואָלט פאַסירט פריהער אויף די לאָנקעס. — אָבער יעצט אין דער צייט פון שטאַל פיטערונג! פפוי טייפעל!

טרודע: וואָס איז געשעהן, פאַפּא׳לע?

פאָגעלרייטער: אַ קוה האָט זיך איבּערגעפרעסין, ס׳איז גלייך צו זעהן אַז היימכען איז נישטאָ. ווייל ווען זי געהט אין דער פריה מעלקען די בהמות פאַסירט אַזעלכע זאַכען נישט. נו וואָס פאַר אַ אויסרייד האָט איהר אום אייך צו ענטשולדיגען, מענש?

פלעטס: גאָר קיין אויסרייד, הערר פאַגעלרייטער.

פאַגעלרייטער: נאַ, דאָס איז דאָס ערשטע קלוגע וואָרט וואָס איך הער פון אייך היינט. נאט נעמט א ציגאר. און יעצט געהט דאָרט ארויס, און זעהט צו שיקען נאָכ'ן טהיר ארצט... איהר ווילט פילייכט קאווע טרינקען?

פלעטס: איך האב שוין היינט געטרונקען, הער פאַגעלרייטער.

פאַגעלרייטער: נאַ, געגען וואָס דען זענט איהר איבערהויפּט מיט מיר מיטגעגאנגען?

פלעטס: איך — איך האָב זיך געוואָלט ענטשולדיגען, הער פאַגעלרייטער.

פאַגעלרייטער: אָה, דערצו האָט איהר בעקומען א בריליאנטענע שפּראך פאר די לעצטע צייט!... קערעל אגוטען!

פלעטס: (צעגערענד) א גוטען! (בלייבט שטעהן)

פאַגעלרייטער: נו, וואָס נאָך?

פלעטס: אָך, הערר פאַגעלרייטער, איך האָב נאָך פאר אייך א קליינע מיטהיילונג.

פאַגעלרייטער: נאַ, ארויס דערמיט.

פלעטס: (מיט אַ וואונק אויף טרודע) אָבער —

פאַגעלרייטער: טרודע, געה זעה נאָר צו עס במארעט זיך פאר א רעגען.

טרודע: יא, פאפא! (געהט ארויס אויף דער טעראזע)

פלעטס: (מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן) די אלטע ציגיינערין איז ווידער געזעהן געוואָרען.

פאגעלרייטער: דערשראָקען העי?.. נאַ, דאָס איז א שעהן געשעפט... טע־טע־טע!.. וואו האָט זי געזעהן?

פלעטס: זי איז ארומגעגאנגען בעטלענדיג אין דאָרף, זי איז אויך דאַ געווען—מאנכע מאָל קריכט זי דאַ ארום צווישען די שטאַלען.

פאַגעלרייטער: אזוי? (קראַצט זיך אין קאָפּ) נאַ, נאַ נאַ! ווען איך זאָל די אלטע מכשפה קענען ארעסטירען. וואָלטען מיר זי ווייטער געקענט אבראמען פון וועג פאר עטליכע יאהר... נאַ, און יעצט איז זי ווידער דאַ!... וואס וויל זי יעצט?

פלעטס: זי האט געזאגט, זי האט געהערט, אז איהר טאכטער געהט חתונה האבען —

פאַגעלרייטער: איהרע? הא, הא! איך פערשטעה! זי האט געמוזט הערען פון טרודעס... נו?

פלעטס: נו, זי זאגט אז זי איז נעקומען פאר א שטיק האבצייטס׳ פלאַדען. — אבער אויפ׳ן הויף סמייעט זי נישט צו קומען.

פאגעלרייטער: איך וואלט איהר ראטהען זי׳ך צו האלטען וואס ווייטער פון דאנען: און איהר פלעטס. פאסט גוט אויף אז זי זאל זיך מיט קיינעם נישט בעגעגענען פון דעם הויז! איהר הערט מיט קיינעם נישט! איך וועל זיך שוין אליין זעהן מיט׳ן פאליצמייסטער, פיליכט וועט אונז געלונגען פון איהר ווידער פטור צו ווערען פאר א שטיקעל צייט. נא, א גוטען!

פלעטס: א גוטען! (אב)

טרודע: (קומט ווידער אריין) זאל איך דיר איינגיסען קאווע פאפא׳לע?

פאגעלרייטער: וואס מיין טהייערע, דו פערזארגסט היינט אלעס צום פרישטיק? קענסטו דען דאס?

טרודע: אך, פאפא׳לע, ווען איך זאל דאס נאך נישט קענען.

פאגעלרייטער: נא, נא, דו ווייסט דאך אז דאס פערזארגט אימער הײמכען.

טרודע: יא, איך וועל עס מאכען אזוי גוט ווי הײמכען... אבער דו מוזט מיט מיר זיין אביסעל גערולדיג.

פאגעלרייטער: דו זיסער קליינער גנב דו! וויפיעל טעג וועל איך דיך נאך האבען ביי זיך?

טרודע: נאך פיער טאג, פאפא׳לע.

פאגעלרייטער: אך דו שלעכטע! מוזט דו מיך טאקע פערלאזען און געהן התונה האבען? הא? מוזטו דאס?

טרודע: דו האסט דאך דאס אזוי אליין בעשטימט.

פאגעלרייטער: נו יא! וואס דען האט זיך געקענט העלפען אזא אלטער, ארימער מענש ווי איך בין?... איז דער געליבטער שוין דא ארונטערגעקומען היינט? (טרודע טרייסעלט איהר קאפ אויף ניין) אזא יונג! טוהט מעהר נישט ווי שלאָפט! שלאָפט, שלאָפט, און שלאָפט!

טרודע: ער האָט נעכטען פאפא׳לע געארבעט ביז שפעט אין דערנאכט. און צוויי אזייגער ווען עס האָט שוין אָנגעפאנגען צו טאָגען

האָב איך נאָך געזעהן אַ ליכט ברענען ביי איהם אין פענסטער.

פאַנעלרייטער: פלייסיג איז ער! ווען ער וואָלט נאָר נישט געווען אזא געפּעהרליכער עקשן — מאמא איז דאָ אויך נאָך נישט געוועןּ?

טרודע: ניין.

פאַנעלרייטער: איז היימכען אַ היים געקומען?

טרודע: יאָ, מיט׳ן אין־דער־פריה צוג.

פאַנעלרייטער: ווי לאַנג וועט עס נאָך נעהמען ביז די נעסט פון די ליעבענדע וועט זיין אין גאַנצען פּאַרטיג — האַ?

טרודע: איך דיינק אַז זי דאַרף נאָך איינמאָהל פאָהרען נאָך קעניגסבערג. און דאַן וועט אַלעס זיין פערטיג.

פאַנעלרייטער: און וועט עס זיין עפּעס שעהן. האַ?

טרודע: איך ווייס נישט פּאַפּאַ׳לע. זיי זאָגען מיר גאָרנישט, ווי ווילען מיך איבעראַשען ווען אַלעס וועט זיין פערטיג. אָבער איך גלויב אַז אַלעס וועט זיין זעהר, זעהר שעהן!

פאַנעלרייטער: און דו ביזט גליקליך. האַ?

טרודע: אַך פּאַפּאַ׳לע, מיר דוכט זיך טהיילמאל אַז איך פער דין גאָר נישט אזוי פיעל גליק.

פאַנעלרייטער: ווען דו קענסט דערלאַנגען דיין אָרימען אַלטען פאַטער אזעלכע הארט געקאָכטע אייער. פערדינסטו עס ווירקליך נישט.

טרודע: (דערשראָקען) אַך פערצייה. איך געה שוין און —

פאַנעלרייטער: מען דאַרף נישט! זאָל זיין! איך דיינק אַז היימכען מוז זיך יעצט גוט אויסשלאָפען — האַ?

טרודע: ווען זי זאָל עס נור טהון! אַך פּאַפּאַ׳לע, רעד דו מיט איהר און בעפעהל איהר עס צו טאָהן, דער שטאָרקסטער מענש קען דאָך דאָס נישט אויסהאַלטען. איין טאָג אַרבייט זי דאָ אַרום הויז. דעם צווייטען טאָג ריכטעט זי איין אונזער וואָהנונג אין קעניגסבערג די נעכט פערברייננט זי אויף דער אייזען־באַהן. ווען זי זאָל נאָר נישט קראַנק ווערען.

פאַנעלרייטער: נאַ, איך וועל שוין זעהן —

פרוי פאַנעלרייטער: (קומט אַריין פון לינקס) גוט מאָרגען!

פאַנעלרייטער: גוט מאָרגען, טייערע, נו?..

טרודע: (לויפט איהר אַנטגעגען און קאַפּט איהר אַרום האַלז) גוט מאָרגען, מאַמאַ׳לע.

פרוי פאַגעלרייטער: (דריקט איהר צום הארץ) מיין טהייערענקע! אך גאָט, אך גאט, נאך בלויז פיער מאהל וועלען מיר זיך זאגען „גוט מארגען”, און דאן איז אלעס אויס.

טרורע: דו וועסט מיך באלד מוזען קומען בעזוכען. מאמא'לע.

פרוי פאַגעלרייטער: אך וואס איז בעזוך! (וויינט)

פאגעלרייטער: קינדער נאר נישט קיין טרעהרען, טרעהרען אויפ'ן ניכטערען מאגען איז גיפט.

פרוי פאַגעלרייטער: ווער האט דיר פערדרעהט די לאקען, טהייערענקע?

טרודע: די טאמזעל.

פרוי פאַגעלרייטער: מען קען באלד זעהן אז היימכען איז דא נישט געווען. — איבעריגענס הערט — איך האב מיט א פאאר מינוט צוריק אויפגעעפענט די טהיר פון איהר צימער אום צו זעהן צו ז' רוהט זיך אויס פון דער רייזע. האב איך איהר געזעהן זיצענדיג אין גאנצען אנגעטאָהן פונקט ווי זי איז געקומען פון באהן־הויף. זי האט געהאלטען א בוך אויפ'ן שויס, און האט ארויסגעקוקט מיט ברייט־געעפענטע אויגען צום הימעל.

פאגעלרייטער: נא, וואס קען דאס זיין? איך חאב געמיינט אז איהר ליידענשאפט צו לעזען ביכער איז שוין לאנג פערביי.

פרוי פאגעלרייטער: איך האב זיך שוין איבערגעדענקט, אז מיר וואלטען בעדארפט אויף איהר אביסעל מעהר אויפפאסען.

פאגעלרייטער: זי דארף קיין אויפפאסער. זי האט גענוג שכל אליין אויף זיך אכטונג צו געבען, מיר דארפען איהר אביסעל שוינען, אָט וואס.

פרוי פאגעלרייטער: אבער היינריך! יעצט איהר שוינען? פיער טאג פאר דער חתונה! ווער קען זיך יעצט שוינען?

פאגעלרייטער: נא דו ווייסט—המ!

פרוי פאגעלרייטער: היינריך, דו ווייסט דאך גאנץ גוט, איך האב ליעב דאס מיידעל. אבער גאט זי א'ז דאך נישט אונזער זיסעס.

טרודע! זי איז פיעל בעסער פאר מיר — מאמא'לע.

פרוי פאגעלרייטער: נו זעה נאר די בעשיידענהייט. ווער וואלט דאס געגלויבט?

טרודע: שטעל זיך נאר פאר, מאמא׳לע, אז זי האט חתונה און איך בלייב אין הויז.

פרוי פאגעלרייטער: דאן וואלט אונזער זונענשיין אונזער טרייסט אונזער (דערזעהענדיג דעם געדעקטען טיש צום פרישטיק) אָבער קינדער, איך קען ווירקליך נישט פערשטיין.

טרודע: וואס מאמאָ׳לע?

פרוי פאָגעלרייטער: גאָט, עס איז אַלעס אזוי — אזוי — אזוי... אויב זי שלאָפט נישט קען זי דאָך אויך אַרונטערקומען.

טרודע: (נעהמט איהר לאַכענדיג ארום) נא, זעהסט מאַמאַ׳לע! דו קענסט אפילו נישט איין פריהשטיק עסען אָהן איהר.

(געארג פאָן הארטוויג קומט אַריין דורך דער מיט)

פאגעלרייטער: נא, ענדליך ביסטו שוין אויפגעשטאַנען, דו!

געארג: (אונטערברעכט איהם קלאַפּענדיג איהם אין האנד) נא, נה, אביסעלע מילדער טייערער אנקעל. פאנג נישט אָן צו שימפּפען גלייך אויפ׳ן פריהמארגען.

פאגעלרייטער: קענסט מיך שוין באלד רופען פאטער, יונג איינער!

געארג: נישט פריהער ווי נאך דער חתונה. — גוט מאָרגע׳ טאנטע! (קושט איהר די האנד) נו, מיין קליינעטשקע (קושט טרודען)

טרודע: (לעהנט זיך אויף איהם ליעבלעך אן) מיין געארג! (לאָכט פלוצלונג) אך זעהט נאר! ער איז אין גאנצען בעדעקט מיט היי.

געארג: נא, דאן מאך זיך אביסעל ניצליך, און בארשט מיך אב

פאגעלרייטער: דו האסט אנגעפאנגען זעהר ליעב צו האבען צו שלאָפען אויפ׳ן היי, זייט די לעצטע צייט.

געארג: שלאָפען? גאָט! ווער קען שלאפען אין אזא צייט? איך טרייב זיך ארום אויף די לאנקעס און פעלדער, גאט ווייסט פון ווי פריה אן. אזעלכע יאהאננעס־טעג. — קענען דאך איינעם וואהנזיני מאכען. די טעג ציינען זיך גאר אויס קיינמאהל נישט צו ענדיגען. נעכטען שפּעט ביי נאכט, בין איך געזעסען פאר מיין פענסטער, און האב צו זיך געזאגט: בעפאר די פערפלוכטע נאכטיגאל וועט נישט אויפהערען צו זינגען געהסטו נישט שלאפען — און מיט איינמאהל האט די פעלד־לערכע אנגעזאגט אז א נייער טאג געהט געבוירען ווע־רען. אין דער לינקער זייט האט זיך געזעהן די אבענד־רויטקייט. רעכטס

די מארגען רויטקייט בײדע אין דער זעלבער צײט. און פוז פלאם און פלאם איז א נײער טאג ענשטאנען!... אך קינדער איך זאג אײך דאס איז געווען הערליך... גיעב מיר קאווע.

פ א נ ע ל ר י י ט ע ר: אבער זאג מיר! דענקסטו דא צו בלײבען ביז דער חתונה?

ג ע א ר ג: נאַ, נאטירליך וועל איך דא בלײבען ביז דער חתונה.

פ א נ ע ל ר י י ט ע ר: ווי האט מען דען דאס געהערט אז—

ט ר ו ד ע: (בעטענדיג) אך טײערער פאפאלע!

ג ע א ר ג: מיך אַרט דאס גאנץ ווײניג, ווען איהר וועט פער־מאכען די טיהר פאר מיר וועל איך געהן שלאָפען בײ פרעכטלין אין קרעטשמע.

פ א נ ע ל ר י י ט ע ר: און אין דער פריה וועסטו אונז אָנברענגען א הויז פול מיט פלײ.

פ ר ו י פ א נ ע ל ר י י ט ע ר: אבער הענריך, פפוי!

פ א נ ע ל ר י י ט ע ר: ס'איז דאך אבער אמת.

ג ע א ר ג: ערלויבט מיר נאר! די חתונה האט געזאלט זײן דעם צוואנציגסטען; איך האב דארום גענומען אורלויב פון'ם נײנצענטען אָן. איהר ווײסט גאנץ גוט אז איך קען זיך דאָ נישט ארומטרײבען. איך בין אַהער געקומען דעם צוואנציגסטען — אבער די חתונה האט זיך בײ אײך פערשפעטיגט.

פ ר ו י פ א נ ע ל ר י י ט ע ר: אבער טײ ערער געארג! די אויס־שטײער איז דאך נאך נישט געווען פערטיג.

ג ע א ר ג: און אבגזועהן דערפון. וואו זאל איך געהן? איך האב יעצט גאר קײן וואהנונג נישט. דארט האלט יעצט הײמכען פאר מיר אלעס אין אײנארדערן, איבריגענס, איז הײמכען שוין א היים געקומען

ט ר ו ד ע: (שאקעלט מיט'ן קאפ אויף יאָ,)

פ ר ו י פ א נ ע ל ר י י ט ע ר: וואס מאכסטו עפעס מיט אײנ־מאהל אזא פנים? וואס איז? האכט זיך געקריגט מיט איהר?

ג ע א ר ג: אך, נײן; אבער איך דארף נישט ערלויבען אַז דאס מײדעל זאל זיך אזוי פערמוטשען צו ליעב מיר. איך וואלט ווירקלעך געווען געדארפט אלײן בלײבען אין קעניסבערג.

ט ר ו ד ע: זי טהוט דאס נישט פאר דײנע שעהנע אויגען; זי טהוט דאָס פאר מײנע שעהנע אויגען.

נ ע אָ ר ג: נעהם זיך נאָר נישט אזוי איבער.

פ ר ו י פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: (גלעטענדיג איהר) גנעאָרג, זי האָט אָבער שעהנע אויגען.

נ ע אָ ר ג: אַלס מיין כלה דארף זי האָבען שעהנע אויגען.

פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: און דו נעהם זיך נאָר נישט אזוי איבער, פערשטעהסט?

נ ע אָ ר ג: איך נעהם זיך נישט איבער. איך בין צופיעל פראקטיש דאָס צוטוהן.

פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: אזוי, אזוי, דו ביסט צופיעל פראקטיש, האָ? וואָס־זשע פאר א טייפעל איז אין דיר אריין מיר איבערצולאָזען אויפ'ן טיש אזא ערקלערונג? האָ?

נ ע אָ ר ג: דאָס איז צו צייגען דיר אין וואָס פאר א פער־העלטענעס איך געפין זיך, אז איך בין א פרייער און אונאָבהענגענדער מענש. אז איך קען ערנעהרען מיין פרוי פון מיינע אייגענע פערדינסטען זעהסטו דאָס וואָס עס מיינט.

פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: ווען איך זאג דיר אבער אז דו ביסט א—

(מאַריקקע קומט אריין)

מ אַ ר י ק ק ע: אך פערצייה. פאפא'לע!... גוט מארגען.

ט ר ו ד ע: (פאלט איהר ארויף אויפ'ן האלז) הערצכען, מיין הערצכען!

מ אַ ר י ק ק ע: (קושט איהם) מיין טהייערענקע! (נאך דעם געהט זי צו צו פאגעלרייטער'ען און קוסט איהם די האַנד)

פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: נאָ, ביסט שוין דאָ צוריק א זיבערע, זעה איך ? פסט! דעם קאפ אין דער הויך! ווא איז דען? דעם קאפ אין דער הויך, איך זאג—נאָ. האט עפּעס מיט דיר פאסירט היינט. האָ?

מ אַ ר י ק ק ע: (אונזיכער) נ—ניין.

פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: (צו זיין פרוי) קוק זי נאר אָן. זי זעהט אויס גרין ווי גראָז.

פ ר ו י פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: וואָס איז דיר מיין קינד?

מ אַ ר י ק ק ע: מאמא, איך האב דאך נאר נישט געשלאָסען! איך בין א גאנצע נאכט געזעסען אין וואגאָן.

פ אַ ג ע ל ר י י ט ע ר: נו און יעצט ביסטו ענדליך פערטיג מיט דער פערפלוכטער ארבייט?

מ אַ ר י ק ק ע: נאָך איינמאהל פאָהרען אין קעניגסבערג —

אָבער פערציייה פּאַפּאַ'לאַ, דער נייער הערר הילפּס־פּרעדיגער איז אין דרויסען בײ'ם צאָהם און —

פּאָגעלרייטער: ווער?

מאַריקקע: דער הערר הילפּס־פּרעדיגער (טרודע שטיקט זיך פון געלעכטער).

פּאַגעלרייטער: פון וואָס לאַכסטו אזוי, האַ? (טרודע צופּט מאַריקקען בײם קלייד און קען זיך קוים איינהאַלטען כון נישט אַרויספּלאַצען מיט אַ געלעכטער).

טרודע: איך — איך לאַך גאָר נישט.

פּאַגעלרייטער: אַלזאָ וואָס וויל ער?

מאַריקקע: ער זאָגט ער קען בײ זיך נישט פּועל'ן אַריינצו־קומען אַזוי פריה אין הויז. און האָט געבעטען אַז דו זאָלסט.—

פּאַגעלרייטער: אונזין! — זאָג איהם ער זאָל אַריינקומען.

מאַריקקע: גוט פּאַפּאַ'לע.

געאַרג: גוט מאַרגען, היימכען.

מאַריקע: גוט מאַרגען, געאַרג. (אַב)

פּאַגעלרייטער: אויב דו וועסט מאַכען אַזעלכע שטוקעס וועסטו זיך נאָך געפינען פאַר דיין התונה פערוואָרפען אין אַ ווינקעל. פּאַס אויף.

טרודע: אך ליבער זיסער פּאַפּאַ'לע, איך שעם זיך—איך — איך וועל עס שוין מעהר קיינמאָהל נישט טהון. אָבער ס'איז אזוי קאַמיש — ער האָט זיך פערבלאָפּקעט אין היימכען.

פרוי פּאַגעלרייטער: ווען מען איז אַ כלה, מיין קינד, פּאַסט שוין מעהר נישט צו זאָגען פערבלאַפּקעט, אזוי ריידען די פּראָסטע מיידלעך, מען דאַרף זאָגען —

געאַרג: געמאַכט אַ נאַר פון זיך.

טרודע: (שיסט אַרויס אַ געלעכטער)

פרוי פּאַגעלרייטער: (סטראַשענדיג געאַרגען) שעם זיך!

פּאַגעלרייטער: ש־ש־ש!!

(דער הילפּס־פּרעדיגער קומט אַריין. מאַריקקע ראַמט וועהרענד דער צייט געררוישלאָז אַב דעם פרישטיק־טיש)

האַפּפּקע: איך וואָלט זיך נישט געוועןערלויבט אייך צושטערען מיינע הערשאַפטען, ווען נישט.—

פאַנעלרייטער: (מיט א שמייכעל) אכט אזייגער אין דאַרף איז שוין נישט פריה, הערר פרעדיגער. איהר וועט דאָ זיין א ביסעל לענגער וועט איהר עס לייכט אויסגעפינען.

פרוי פאגעלדייטער: וואס מאכט אונזער גוטער, אלטער פאַסטער?

האפפקע: (ציהט מיט די אקסלען) נאָ!

פרוי פאגעלרייטער: (דערשראקען) איך האף אז ער פיהלט זיך דאך נישט ערגער?

האפפקע: איך זאג אימער, אז דער מענש מוז זיך היטען אלט צו־ווערען. איז מען שוין אָבער אכציג, איז דאס זעהר שווער צו פערמיידען.

פאָגעלרייטער: אַה איהר זענט אַ פילאָזאָף, ווילט איהר פילייכט נישט מאכען אשנעפסעל?

האפפקע: פאר וואס נישט, אפילו צוויי.

פאגעלרייטער: אָט דאס האב איך ליעב. דאס זענען רייד פון אמאַנסביל (גיסט איין)

האַפקע: יא—יא — צו געזונד. (זיי שטויסען אָן און טרינקען)

פאגעלרייטער: און דו געאָרג, ווילסט?

געארג: ניין, א דאנק אָנקעל, נישט יעצט.

פאגעלרייטער: ווי לאנג זענט איהר שוין דאָ, הערפרעדיגער.

האפפקע: דריי וואכען.

פאגעלרייטער: און ווי געפעלט אייך דאָ?

האפפקע: זעהר שעהן, א דאנק. מיר איז איבעראל אין דער וועלט געפעלען. אָבער דאָ געפעלט עס מיר נאך א ביסעל שעהנער דאס פלאטץ דא איז פאר מיר דאפעלט צוציהענד. ווייל דא איז נישט נאר גלאנץ. זאנדערן אויך (מיט א בליק אויף מאריקקען) ליכט... דאָ איז נישט נאר לאכען — דא איז אויך גליק (שפרינגט אויף אונטער מאריקקען) פערצייהעט. ליעבע פרייליין, איהר האט ארונטערגעלאזט א סערוועט־טיכעל. (הויבט אויף און דערלאנגט איהר)

מאַרריקקע: (שמייכלענדיג) א דאנק, הערר פרעדיגער. (אב (טרודע בעקומט א נייעם לאכאנפאַל. אב הינטער איהר)

פאגעלרייטער: פערצייהט, הערר פרעדיגער, זי איז נאך א קינד.

האפפקע: נא, נא, זי האט גאנץ רעכט. דען איך קען זיך נאך אלץ נישט אבגעוועהנען פון מיין צארטקייט צושפיעלען די ראלע פון אנ׳עלעגאנטען מענשען אין דער אנוועזענהייט פון פרויען און ווי קען מען זיין עלעגאנט אין אזא לאנגען פראק? — דאס איז דאך אונמעגליך.

פאגעלרייטער: זאגט נאר, הערר פרעדיגער, ווי אזוי זענט איהר אייגענטליך אהער געקומען?

האפפקע: נא, זעהט איהר, דאס איז אויך פערבונדען מיט דעם ראק. מיר זענען געווען פיער וועלכע האבען, נאכדעם ווי מיר האבען אויסשטודירט, אונגעדולדיג ערווארטעט דעם רוף פון צורעטען די זינדיגע מענשהייט. און צווישען זיי אללע בין איך געווען דער איינציגער וועלכער מען קען זאגען, האט זיך גיצפונען אין גוטע אומשטענדען. און ווייל באלד האט איינער און באלד א צווייטער זיך בעדארפט פארשטעלען פאר׳ן קאנסיסטאריום איז מיין גוטער ראק, וואס איך פלעג זיי אלץ אויסלייהען, געווארען א ביסעל אבגעריבען און א חוץ דעם האט ער זיי גאר אין גאנצען נישט געפאסט. האב איך געזאגט, ווייסט איהר וואס קינדער זאג איך. יעצט לאמיר אללע געהן צום שניידער, און ער זאל אונז מאכען א ראק, וועלכער זאל קענען געוויסערמאסען אונז אלעמען דיענען און אזוי איז דאס אויך געשעהן. מיט א פאר וואכען צוריק איז געקומען אונזער אן אלטער געוועזענער שוהל־קאמעראד. וועלכער איז איצט דער צווייטער פרעדיגער פון דער קירכע. געקומען איז ער ווי מיר האבען זיך אויפגעהאלטען און האט צו אונז קאנדידאטען געזאגט: „איהר הייליגע מענער נישט ווייט פון דאנען, געפינט זיך אן אלטער גרייז וועלכער קען שוין מעהר נישט פרעדיגען, און אויף זיין פלאטץ דארף איך פערזארגען א פערטרעטער. ווארפט גורל און מיר וועלען זעהן ווער עס וועט זיין דער מזל׳דיגער״ אבער אללע האבען איינשטימיג ערקלערט האפקע מוז די שטעלע האבען, ווייל ער האט זיך געטהיילט זיין שווארצען ראק מיט אונז. און אזוי בעדארף איך יעצט אין איהם ארומלויפען, און בין ליידער נישט אזוי פרום ווי איך זעה אויס.

פאגעלרייטער: מוטה, מוטה! איהר וועט עס שוין ווערען.

האפפקע: אה, איהר בעדארפט נישט דענקען אז איך בין נישט צופריעדען איהם צוטראגען. און אז איך בין נישט פול מיט פרייד

טהעאלאג: גלויבט מיר, אזוי ווי אונזער הערדן יעזוס ווערט מיין הארץ צוריסען פאר דיא ליידענדע מענשהייט, און דער פאר פאלג איך איהם גערן אין זיין וועג: און אויסער דעם דאס איז אויך גיוועזן מיין פאטערס וואונש. איהר מוסט וויסען מיין פאטער איז זעהר א רייכער גוטס־בעזיצער, גרויסע גיטער איז אין דיא ניעדריגע דערפער נישטא, אָבער ער האָט (בעדויערט גלייך ווארום ער האט עס געזאגט) זעהר — זעהר א סך געלד — און לויט איך בין ערצויגען געווארען האב איך מורא וואלט איך זיך בעסער נעפאסט פאר א פארמער. ווי א פרעדיגער אין א קירכע. אבער איך וועל עס נישט אויפגעבען. איך וועל אזוי לאנג קעמפפען ביז איך וועל זיך בעפרייען פון אלע שלעכטע געוואָנהייטען. לחיים!

פאַגעלרייטער: איך פאנג אייך אָן הערר פרעדיגער, וואס מעהר איך קען אייך, אלס מעהר צוליעבען! ווילט איהר דא בלייבען און פערנעהמען דעם אלטען פאסטארס שטעלע?

האפקע: איך וואלט זעהר גערן —

פאנעלרייטער: מיין שטימע קריגט איהר!

האפקע: איהר זענט ווירקליך זעהר גוט. מיט אזא שטעלע וועל איך זיין צופריעדען און קענען פערפילען מיין גליק, יעצט פעהלט מיר בלויז... (קוקט זיך ארום) יא, נאך וואס בין איך געקומען: יא אונזער אלטער פאסטאר קען די טרויאונגס־רעדע נישט האלטען.

פרוי פאנעלרייטער: אה.

פאנעלרייטער: איך האב דאס שוין לאנג געקענט זעהן

האפפקע: און יעצט איז די פראגע: ווילט איהר שיקען נאך אַן אנדערען. אדער וואלט איהר פילייכט געקענט מיר דאס אנפערטרויע?

פאנעלרייטער: הערר פרעדיגער, ווען איך וואלט אייך שוין נישט געהערט ריידען פון דער בימה. וואלט איך זאגען "ניין. איהר זענט אונז פרעמד" אבערנאכדעם ווי איך האב געהערט פון אייער מויל אזעלכע ווארימע שעהנע גוטע ווערטער, גלויב איך — וואס זאגסטו קריסטינא? (פרוי פאגעלרייטער שאקעלט צו מיט'ן קאפ) און דו נעארג?

נעארגע: איך ווייס נישט. סיידען איך האב אטעות, הערר פרע־דיגער. צווישען אונז גלויב איך הערשט א סימפאטהי איינס צום צווייטען.

האפפקע: איהר האט קיין טעות נישט, מיר איז יעדער מענש אונגעוועגליך סימפאטיש.

גנארג: יעדענפאלס פרייעט עס מיך—

האפפקע: נא, יעצט געהט א ביסעל ארויס. איך מוז יעצט זעהר שנעל אויסגעפונען, עפעס שלעכטס וועגען אייך.

גנארג: (גיט אים לאכענדיג די האנד) נאר נישט שטרענג! (אב)

האפפקע: וועט איהר מיר ערלויבען צו נאָטירען אייניגעס פאר מיין רעדע?

פאנגעלרייטער: מיט'ן שעהנסטען פערגעניגען.

האפפקע: אלזא, דער יונגער הער, אייער פלימעניק איז ערצויגען געווארען דאָ ביי אייך אין הויז, נישט וואהר?

פאנגעלרייטער: ריכטיג.

האפפקע: פערצייהעט, ווי אזוי איז דאס געקומען?

פאנגעלרייטער: יאָ, ווי אזוי דאס איז געקומען. איהר זעהט מיר האבען געהאט אין יאהר זיבען—און—זעכציג דאָ אין אָסט-פרייזען א שרעקליכע פערפלייצונג א יאהר פון הונגער און אומגליק — איהר געדענקט דאך עפעס מסתמא דערפון?

האפפקע: זעהר וועניג, איך בין נאך דאמאלס געווען זעהר יונג.

פאנגעלרייטער: אך, עס איז געווען שרעקליך! קארטאפיל און פוטער זענען פערפוילט געווארען נאך איידער זיי זענען אויסגעוואקסען דער ווייץ און האבער האט גארנישט אנגעפאנגען צו וואקסען. מיר פארמערס דאמאלס זאג איך אייך -- אהו! אלזא מיין שוואגער דער מאנן פון מיין זעליגער שוועסטער, וועלכער האט געהאט זיינע גיטער נישט ווייט פון דאנען, האט איינגעזעהן אין א טאג אז ער קען זיינע צינזען מעהר נישט צאלען. זייענדיג א גרויסער אדעל — איהר פערשטייט — האט ער נישט געזעהן קיין אנדערען אויסוועג ווי אריין צו שיעסען זיך א קויל אין קאפ.

האפפקע: אייה, אייה, אייה. און אייער שוועסטער לעבט נאך?

פאנגעלרייטער: ניין! אָבער פון דעם טאג אָן —

האפפקע: ערלויבט מיר, א צווישען - פראגע, וועלכע האט גאר נישט צו טוהן מיט דער זאך. איך האב געהערט די לייטע דאָ אין דארף רופען אייער פפלעג-טאכטער מאריקקע „די הונגעריגע יתומה" האט דאס אויך פיליכט צו טהון מיט דעם אומגליק-ליכען יאהר? ...

פרוי פאנגעלרייטער: און איהר ווייסט דאס נישט וויא אזוי זי איז געקומען דא אין הויז? וועל איך אייך דערציילען אין יענעם שרעקליכען ווינטער—לאז איך האב צוערשט אנגעפאנגען צו דערציילען—זענען מיר געקומען אין א אווענד, איך און מיין מאן פון היידעלבערג. ווי מיר האבען איינגעריכטעט א פאלקסקיך פאר אינזער אייגענע געלד. ווען מיט איינמאהל ווי דער וואלד ענדיגט זיך און דער שאסיי פאנגט זיך אן האבען זיך די פערד דערשראקען, און שטעהן געבליבען, מיר טהון א קוק קווער איבערען וועג ליעגט א ליטווישע' פרוי מיט א קינד ביי דער ברוסט. און ערקלערט אז זי וויל מיר זאלען איהר איבערפארען אויף טויט, מיר האבען איהר אריינגעבעטען אין שליטען און זי איז מיט אונז מיטגעפארען. אך ווי זי האט דאמאלס אויסגעזעהן.

פאנגעלרייטער: איך זאג אייך הער פרעדעגער אז שוין שפעטער מיט א פערטעל יאהר האבען מיר נאך אלס געפינען לעבעדעגע בראים און דער פעלץ-דעקע מיט וועלכער מיר האבען איהר צוגע-דעקט.

פרוי פאנגעלרייטער: און דאס ארימע בעשעפינעס נע-בעך!—אבער נאך דעם ווי עס איז געווארען ריין ארומגעוואשען און געלעגען צווישען ווייסע קישענס. זענען מירביידע געשטאנען איבער זיין בעטעל—דאס קליינעטשקע מיט זיין דערשראקענעם פנים'על, האט געלאכט צו אונז און האט אויסגעשטרעקט בעטענדיג זיינע הענטעלעך.—האט מיין מאן דאמאלס געזאגט "קריסטינע דאס איז אונזער טהייל פון דעם אומגליק וואס גאט האט אונז צוגעשיקט".

פאנגעלרייטער: טרודען האבען מיר נאך דאמאלס נישט געהאט, מוזט איהר וויסען.

פרוי פאנגעלרייטער: זי איז ערשט געקומען מיט דריי יאהר שפעטער. נו, יא,—און דאן האבען מיר דאס קינד געגצליך אבגעקויפט פון די אלטע שכור'טע, און געדאנקט גאט ווען זי איז אוועק, ווייל עס פלעגט זיך דא פיהלען אזא ריח פון דזשינדזשער אז דאס איז אומעגליך געווען אויסצוהאלטען.

פאנגעלרייטער: די שכורים דא, טרינקען דאס אנשטאט בראנפען.

האפפקע: — שרעקליך!

פאגעלרייטער: אבער אום ווידער צורעדען וועגען מיין פלימעניק.

האפפקע: פערצייהט מיר נאך איין פראגע. וואו איז אהינגעקומען שפעטער די מוטער?

פאגעלרייטער: — אך, דאס איז דאס ערגסטע פון דער געשיכטע. און גראדע היינט—

פרוי פאגעלרייטער: — און וואס גראד היינט?

פאגעלרייטער: אך גאט! גארנישט, גארנישט! די אלטע פרוי איז נאטירליך צורוקגעקומען, און אזוי ווי מיר האבען איהר נישט געוואלט צייגען דאס קינד, האבען מיר איהר נעגעבען געלט, זי האט עס פערשטאנען און איז געווארען אן אפטע פעסט דא אין דארף.

פרוי פאגעלרייטער: — היינריך, איך האב דאס שוין עטליכע מאהל איבערגעדענקט, פילייכט איז דאס איהרע מוטער געפיהלען.—

פאגעלרייטער: — יא, געוויס. און גנב'ענען גנב'עט זי אייך אויס מוטער געפיהלען? אלע מאהל ווען זי פלעגט אונז בעעהרען מיט א בעזוך, פלעגט אן אנדער זאך פערשווינדען. ביז איך האב איינמאהל אוועקגעשטעלט א פאליציסט פאר'ן הויף־טהיר האט מען איהר נאטירליך נעבאפט און זי איז אבגעזעסען א פיין שטיקעל צייט.

האפפקע: און אייער פפלעג־טאכטער? ווייס זי עפעס דערפון?

פאגעלרייטער: — מיר האבען איהר געזאגט אז איהר מוטער איז טויט. אבער איין טאג האט זיך געמאכט אז זי האט זי יא געזעהן.

האפפקע: — ווען האט דאס אומגליק פאסירט?

פאגעלרייטער: — ס'איז געוועזען אין איהר קאנפערמאצואנס־טאג. גראדע ווען די מיידלעך זענען ארויס געגאנגען פון דער קירכע האבען מיר געהערט א געשרעה. וואס איז געשעהן? זי איז געלעגען בעהאלטען און געווארט אז זי זאל ארויסקומען, און דאן איז זי געפאלען פאר איהר אויף די קניע, האט איהר ארומגעכאפט און איהר געקושט די הענד און פיס.

האפפקע: (ציטערענדיג) שרעקליך! שרעקליך!

פאגעלרייטער: — נאטירליך, איך האב דאס קינד באלד אוועקגעריסען און א היים געבראכט. אבער מיר האבען דאך איהר

געמוזט עפעס ערקלערען, האבען מיר געזאגט אז דאס איז געווען א שכור'ע פרוי. צו זי האט אונז געגלויבט צו נישט?... נאך דעם איז זי שטארק קראנק געווען.

האפפקע: אין יעצט, הער פאנגעלרייטער? וואו איז זי יעצט?

פאנגעלריימער: (שמייכלענדיג) איהר זענט געווארען אזוי שטארק אינטערעסירט דערינען, הער פרעדיגער.

(געארג קומט אריין דורך דער מיט, טרודע הינטער אים)

געארג: — נון, זענט איהר שוין ענדליך פערטיג?

פאנגעלרייטער: מיר האבען נאך גארנישט אנגעפאנגען, דעם הער פרעדיגער, האט עפיס אנדערש פיעל מעהר אינטערעסירט.

האפפקע: (ערענסט) דאס דארפט איהר נישט גלויבען, הער פאן הארטוויג. אבער עס איז פארהאנען מענשליכע לעבענס וועלכע זענען פערוויקעלט און אזוי פיעל דונקעלהייט (ערווארפט א בליק אויף מאריקקע'ן וועלכע איז יעצט אריינגעקומען מיט א קארב וועש פון לינקס).

געארג: (וועלכער האט נאכגעפאלגט זיין בליק) יא, איהר האט רעכט.

האפפקע: ווען די הערשאפטען וועלען מיר ערלויבען, וועל איך קומען נאך אמאהל. און רעדען וועגען מיין רעדע.

פרוי פאנגעלרייטער: (דערלאנגט איהם די האנד) הער פרעדיגער, איהר זענט דא אימער צו ווילקאמען.

פאנגעלרייטער: לאזט דארט דעם אלטעשקען גריסען. אין פארנאכט וועלען מיר קומען איהם זעהן ווי געוועהנליך.

האפפקע: ריכטיג. איך האב גאר אין גאנצען פערגעסען. ווען איהר וועט איהם ווידער מיט ברענגען אייער־וויין, זאלט איהר עס איהם מאכען א ביסעל זיסער. דאס לעצטע מאהל איז דאס צו ביטער געווען.

פרוי פאנגעלרייטער: אך גאט, דער ארימער אלטיט־שקער נעביך!

האפפקע: זאגט עס נישט. פרוי פאנגעלרייטער. ווען עס קומט די צייט, ווען אונזערע ווינשע און האפענונג פאנגען זיך ווידער אן צו קאנצענטרירען אויף א ביסעל זיסעס, דאן זענען מיר שוין איבערען בארג. אלזא אויף ווידערזעהן (צו מאריקקע) אויף ווידערזעהן ליעבע פריילין.

מאריקקע: (צושטרייט) אויף ווידעזעהן.

(האפפקע אב. בעגלייט פון פאגעלרייטער)

פרוי פאגעלרייטער: נא, דארפסט זיך גארנישט שרעקען מיין זיסע, קיינער וועט דיר גארנישט טהון.

טרודע. איך שעם זיך אזוי. ווען ער איז געקומען איז ער געוועזן אזוי לוסטיג, און יעצט בין איך זיכער אז ער פילט זיך גע־קרענקט.

געארג: געקרענקט נישט, אביסעלע ערענסט.

פרוי פאגעלרייטער: יעדענפאלס ווי געפעלט ער דיר היימבען.

מאריקקע: אך, מאמא, מיינע געדאנקען זענען אזוי בעשעפ־טיגט פאר די לעצטע פאאר טעג, אז איך האב איהם נאך גאר אין זינען ניט געהאט.

טרודע: (צו געארג׳ן שטיל) נו, זאג דו עס צו איהר.

מאריקקע: טרודע וואס מאכט דער טולפען־בוים. איז נאך קיין בליטהען נישט אויסגעוואקסען איבער נאכט?

פרוי פאגעלרייטער: וואס? ביסט נאך נישט געוועזן אונ־טער דיין געליעבטען טולפען־בוים?

מאריקקע: איך האב נאך קיין צייט נישט געהאט מאמאלע.

טרודע: (צו געארג׳ן) נו, זאג איהר דאס, זאג.

געארג: מאריקקע מיר ביידע, טרודע און איך ווילען נישט אז דו זאלסט פאר אונז אזוי שווער ארבייטען. ווען מיר זאלען דאס דול־דען איז דאס איינפאך א פערברעכען.

(מאריקקע קוקט שטאר פאר זיך. און זינגט עפעס שטיל צו.)

טרודע: זעה, זי הערט דאך גארנישט, זי זינגט עפעס.

פרוי פאגעלרייטער: וואס איז דאס וואס דו זינגסט?

מאריקקע: איך זינג דאך גארנישט.

פרוי פאגעלרייטער: דו האסט דאך ערשט געזינגען.

מאריקקע: אך, יא... היינט ביי־נאכט האב איך געהערט אויף דער סטאנציע אין אינסטבורג א ליעד״׳ א ליטווישעס. דאס האט געזונגען עמיצער פון דער פערדער קלאס. דאס זינגט זיך אזוי... יא, אזוי זינגט זיך עס. (זינגט).

Zwirno cremay zwirno
Kam mano bernyczo
Red wid wil daï dai...
Ner mano bernezo...

געארג: און דעם ליטווישען טעקסט האסטו אזוי אויסגעלערענט בלויז פון הערען?

מאריקקע: געווים.

געארג: ווי אזוי האסטו דאס אויסגעלערענט?

מאריקקע: איך האב דאס אימער געקענט.

געארג: נו, און קענסטו עס שוין איבערזעצען אויף דייטש?

מאריקקע: אויף דייטש? גאט, עס מיינט אייגענטליך גארנישט. (וויל זינגען) אהער דא—ניין (זינגט)

איך זוך דא, איך זוך דארט
ווי קען מיין ליבסטער זיין?
ריד וויד דאי דאי
אין ערגעץ איז מיין ליעבסטער.

(פאנגעלרייטער איז ארייננעקומען ביי די לעצטע ווערטער. געהט שטיל צו צו מאריקקע פון הינטען ארום, און חאפט איהר ארום)

מאריקקע: (לאזט ארויס א געשריי)

פאנגעלרייטער: נא, נא, נערולד, מיין טהייערע. ער וועט נאך קומען...ער איז שוין פיליכט אונטערוועגס... נא, וואס איז דען? והא?

מאריקקע: (לעהנט זיך אויף איהם אן שלוכצינדיג אהן טרערען) דו האסט מיר אזוי דערשראקען.

פאנגעלרייטער: פון וואס ביסטו היינט אין דער פריה אזוי נערוועיז? וואס איז מיט דיר? איז דיר עטוואס געשעהן?

מאריקקע: איך האב דאך דיר שוין געזאגט: ניין.

פאנגעלרייטער: (בעקרעפטיגט) מיט דיר האט עטוואס פאסירט!... איך דערקען דאס ליכט אין דיין געזיכט. און איך וויל דו זאלסט מיר אלעס דערציילען...

מאריקקע: אלזא—יא.

פאנגעלרייטער: וואס דען? לאז מיך הערען!

מאריקקע: עס איז אויף מיר, איינער אנגעפאלען.

פאנגעלרייטער: אנגעפא...? ווי האט עס פאסירט?

מאריקקע: נישט ווייט פונ׳ם הויף.

פאגעלרייטער: ווען דו ביסט געקומען פאן דער סטא־ציאן.

מאריקקע: יא.

פאגעלרייטער: דא הערט שוין אלעס אויף. אבער דיך קענען דאך אלע מענשען דא. יעדער איינער ווייסט דאך דיין כא־ראקטער... וויא האט ער אויסגיזעהן. איז ער געווען א׳ן ארבייטער אדער א הערר?

מאריקקע: א— — — א הערר—

פאגעלרייטער: וואס האט ער דיר געזאגט?

מאריקקע: געזאגט האט ער גארנישט.

פאגעללרייטער: נו, האט ער דיך אנגעכאפט, אדער געוואלט אנכאפען?

מאריקקע: ניין.

פאגעלרייטער: איך האב געדיינקט אז ער האט געוואלט אויף דיר אנפאלען?

מאריקקע: אנפאלען יא.

פאגעלרייטער: אלזא דאנן, האט ער דיך פערפאלגט?

מאריקקע: יא.

פאגעלרייטער: ווי ווייט?

מאריקקע: ביז׳ן גארטען טהירעל. דאן האב איך עס שנעל געעפינט, אין ער האט זיך דערוויילע אומגעדרעהט און אוועק.

פאגעלרייטער: (צו געארג׳ן) וואס זאגסט דו דערצו.?

געארג: (צוקט מיט דיא אקסלען)

פאגעלרייטער: דא מוז עפעס זיין, אין דאס האט דיך היינט אזוי צורודורט?

מאריקקע: דאס הייסט איך בין שוין ווידער גאנץ רוהיג.

פאגעלרייטער: (איהר אונטער הויבענדיג דעם קאפ) דאס זעהסטו ניט אויס צו זיין.

טרודע: אך, פאפא, קוועל זיא ניט אזוי.

פאגעלרייטער: יעצט געה אין שלאפ זיך ניט אויס.

מאריקקע: איך קען נישט פאפא, איך בעדארף נאך עפעס רשט רעדען מיט געארג,ען וועגען דעם עק-צימער, איך וויים נישט

וויא צושטעלען דעם גרויסען ביכערשראנק.

פאנעלרייטער: דאס קענסטו דאך אויך נאכהער אבמאכען.

מאריקקע: ניין, אניט קען איך נאך אויך פערגעסען ווייא דו אנדערע זאכען דארפען שטעדן.

פאַנעלרייטער: נא, פון מיינעטוועגען (צו פרוי פאנעלרייטער) איך נעה יעצט אין קוה שטאל, געהסט מיט?

פרוי פאנעלרייטער: (שטעהט אויף וויקעלט צוזאמען איהר האנד ארבייט) געוויס, אט באלד.

פאנעלרייטער: (צו מאריקקען) און נאך איינס: דו זאלסט נישט ארויס שטעהלען א פוספון הויף פאר דיא נעקסטע פאַר טאג אן א בעגלייטער, פערשטהעסט! קיין שריט איבער'ן טויער דו הערסט?

טרודע: אבער ווארום נישט, פאפא?

פאנעלרייטער: ווען אזא זאך קען פאסירען. איבערגענס דו אויך נישט... נאך קיין מאהל אין לעבען האט דא פאסירט אזא זאך...

פרוי פאַנעלרייטער: אבער היינריך, אין מיטען העלען טאג, דענק איך איז נישט נויטיג.

פאנעלרייטער: עס מאכט ניט אויס ווען... איך האב מיינע גרינדע... אויסער דעם דיר האב איך נאך עפעס צו דערציילען...

פרוי פאנעלרייטער: (פארפייגעהנדיג פאטשט ליעבליך מאריקקען אין באק) און נאך דעם זאלסטו זיך גאט אויסשלאפען. (ביידע אפ)

מאריקקע: טרודע, דו מוזט יעצט אויך געהן.

טרודע: ווארום דען איך?

מאריקקע: דאַ ווייסט דאך טהייערענקע--די איינריכטונג.

טרודע: אך, די נארישע איינריכטונג. א חת:ה איז דאך נישט ווייהנאכטען.

נעארג: מיר וועלען נאך פערברענגען, קליינימשקע, אסך פרייליכע ווייה:אכטען.

טרודע: נא, כאכטעס אבער נישט צו לאנג. (אב)

נעארג: וואס האסטו זיך מיט איינמאהל אזוי פארטיעפט אין געדאנקען?

מאריקקע: אך, איך ... ע ... איך האב זיך געמאהלען דאס בילד פונ'ם עק-צימער, ווי עס וועט אויסזעהן

נעארג: הייםכען, ווי גיט דו ביסט מיט וואס קען איך דיר

אהבצאלען דערפאר?

מאריקקע: דו דארפסט מיר גאר ניט אבצאהלען דערפאר, פאר מיר איז דאס, דאס גרעסטע פערגניגען ווען איך הייס די מעבעל אויס שטעלען, ווייל דאן שטעל איך זיך פאר ווי איהר וועט דארט לעבען. ווי איהר וועט דארט זיצען צוזאמען און טרינקען טעה, און פערברענגען יעדע לײדיגע שעה וואס איהר וועט האבען—אין דאן פיהל איך זיך זעהר גוט...יא, וואס האב איך געוואלט זאגען, גנארג: ביים טראנספארט איז געשעהן א שאדען, דער זייגער פון שענסטען צימער איז צובראכען געווארען און האט אויפגיהערט צו גהען.

גנארג: נא, ווען אונזער פריינדשאפט הערט נאר ניט אויף, דאן ארט דאס מיך גאנץ ווייניג.

מאריקקע: זי וועט געוויס אויך ניט אויפהערען!

גנארג: פון מיין זייט וועט עס קיין מאהל נישט קומען מאריקקע.

מאריקקע: און פון מיין זייט אויך נישט... אבער וואס איך האב געוואלט זאגען, איך האב געלאזט אפפאליטורען דעם גרויסען ביכער שראנק, ביסטו צופריעדען?

גנארג: איך בין מיט אלעם צופריעדען.

מאריקקע: (צעגערענד) און דאן—מוז איך דיר— נאך עפעס זאגען, גנארג, עפעס זעהר וויכטיגעס, ווען איך האב אויסגעפאקט דעם ביכער־שראנק, האב איך געפונען אונטער די ביכער א בלויען העפט?

גנארג: וואס פאר א העפט?

מאריקקע: גנארג, דו דארפסט דאס ניט לאזען ארומוואל־גערען זיך, ווען טרודע וועט קומען אין הויז, אפילו הינטער די ביכער ויך נישט.

גנארג: אום גאטעס ווילען, וואס פאר העפט?

מאריקקע: איך גלויב—אז עס געפינט זיך דארטען אלערליי געדיכטע.

גנארג: דו גלויבסט אז אין דעם הדפט געפינט זיך געדיכטע? דאס העפט פעלט מיר שוין אייגענטליך פון לעצטען ווינטער, איך האב געדענקט אז איך האב עס ערגעץ פערלוירען, הײמכען זאג מיר דעם אמת זיי אויפריכטיג דו האסט דאס העפט דורכגעלעזען?

מאריקקע: ניין.

נעארג: ווארום זשע האסטו געזאגט אז איך זאל עס נישט לאזען ארומוואלגערען זיך?

מאריקקע: דאס ערשטע האב איך געלעזען, דאס צווייטע האב איך אנגעפאנגען, און איך האב זיך בעדענקט אז איך דארף עס ווייטער נישט לעזען.

נעארג: און דו האסט דארט ווייטער נישט ארומגעבלעטערט נישט אויף דער מיט, אין ערגעץ נישט?

מארוקקע: ניין.

נעארג: קענסטו דאס שווערען הייליגען?

מאריקקע: יא, איך קען דאס.

נעארג: דאן שווער.

מאריקקע: איך שווער, נו, איז שוין גוט?

נעארג: גאט זיי דאנק! אָבער דו דארפסט נישט דענקען, הייליגען, אז דארט געפינט זיך עפעס, מיט וואס איך דארף זיך שעמען דאס ביסעל אויפגעשריבענע וואס דארט געפינט זיך איז מיר אימער צו הייליג געווען, אָבער— מיט פיער יאהר צוריק איז עפעס פארגעקומען; אין מיין זעעלע...וואס קיין מענש ווייסט נישט און קיינער קען נישט ווייסען, און עס בעדארף אויך קיינער ניט ווייסען.

מאריקקע: קיינער? אויך איך ניט?

נעארג: דו... דו אויך נישט, וואו האסטו דאס העפט?... גיב עס מיר צוריק!

מאריקקע: (זיא געהט אין אונטערגרונד און נעהמט דאס ארויס פונ'ם קלייד) דא איז עס.

נעארג: מיט וואס קען איך דיר אָבדאנקען הייליגען? ווי קען איך דיר אָבדאנקען דערפאר?

מאריקקע: א געפעלענקייט קענסטו שוין פאר מיר טהון, פערשפרעך מיר אז דו וועסט עס טהון פאר מיר.

נעארג: ווען עס וועט נאר מעגליך זיין, געוויס.

מאריקקע: נעארג, איך מוז דיר צוערשט מודה זיין, אז איך האב פאפ'ען אבגענארט ווען ער האט אלעס אויסגעפרעגט, מיך האט היינט קיין מאן ניט אבגעהאלטען, דאס איז געוועהן א ליטווישע פרוי. נעארג, דאס איז געוועהן מיין מוטער.

נעארג: (מיט בעדויערונג) אָבער הייליגען, איך דענק אז דיין

מוטער איז טוידט.

מאריקקע: אך גאָט דאָס איז נישט אמת, איהר זאגט מיר אללע נישט די ווארהייט, דאמהאלס ביי מיין קאָנפערמאציאנס־טאג איז געוועהן מיין מוטער, און היינט פארטאג האב איך גיזעהן די זעלבע —איך קען קיין טעות נישט האָבען זי איז מיין מוטער.

געארג: דערצעהל מיר, וויא איז דאס געשעהן?

מאריקקע: איך בין זיך געגאנגען נאַנץ שטיל, ס'איז שוין געווען גאנץ ליכטיג ווען מיט איינמאהל האָט זיך עפעס אנגעפאנגען צו רודערען אין גראב וועלכער געפינט זיך אין דער זייט פון וועג, איך האב זיך ארומגעקוקט א ן דערזעהן ווי א בעטלערקע רופט צו מיר „טאכטערקע, פריילין, מיין טאכטערקע" איך האב אנגעפאנגען צו לויפען, און אזוי בין איך אנטלאָפען פון מיין מוטער.

געארג: הם!

מאריקקע: און יעצט טהייערער, גוטער געארג, נאך דעם ווי איך האב דעריבער איבער גערענקט פאר א פאָאר שטונדען, האָב איך איינגעזעהן אז איך האב נישט פיין געהאנדעלט, און יעצט בעט איך דיך זעהר, זעהר שטארק, איך מוז זיא ווידער זעהן, ...דער פאפא האט מיר פערבאטען ארום צו געהן אויפ'ן הויף... זי מוז זיכער ערגעץ דאָ זיין אין דאָרף אדער אויף דער סטאנציע אדער אויפ'ן וועג.

געארג: און דאן?

מאריקקע: דאן ברייננ זי אעהר אין גארטען אריין, אבער בעסער ברענג זי דא אין הויז אריין פארנאכט ווען דער פאפא, און מאמא, געהן צו'ם אלטעט־שקען.

געארג: היימבען איך קען דאס נישט.

מאריקקע: דאס ערשטע מאהל וואס איך בעט פון דיר אזאך, זאגסטו' אז דו קענסט עס נישט.

געארג: הער נאר, היימבען, דו ביסט זעהר גוט צו מיר, דו ביסט עס נישט אימער צו געווען, און דאס פיליכט איז א שאד, אבער ווען דו וואָלסט אפילו פיעל מעהר פאר מיר אויפגעטאהן, קען איך דאס אויך נישט, איך קען דאס נישט טאהן אונטער'ן רוקען פון די עלטערן, ווייל איך וויים נישט מיט וואס דאס קען זיך ענדיגען.

מאריקקע: געארג, גלויבסטו נישט, אז ביי אזא פינדלינג ווי איך בין, קען זיך אויך א מאהל ערוועקען א געפיעל צו וועלען זעה

איהר מוטער, כאָטש זי איז נישט מעהר ווי א בעטלערקע ? איך וויל אויך מיין קאָפּ אויף מיין מוטערס שולטערס האלטען, און זיך דערביי אויסוויינען, און ווערען געצערטעלט ווי א קינד.

נ ע א ר ג: ווערסטו דען נישט דאָ געצערטעלט? איז דען די מוטער צו דיר נישט אימער גוט?

מ א ר י ק ק ע: יאָ, אבער דאס איז נישט דאס זעלבע, דאס איז גאַנץ, גאַנץ אַנדערש, נאך קיין מאהל אין לעבען האב איך עס אַזוי נישט געפיהלט ווי גראָדע יעצט.

נ ע א ר ג: ווארום גראָדע יעצט?

מ א ר י ק ק ע: ווייל מיין הארץ ווערט יעצט אַזוי... (בעטענדיג) אָה, נעארגן!

נ ע א ר ג: איך קען נישט, איך ווייס נישט וואס דערפון וועט ארויס.

מ א ר י ק ק ע: אַלזאָ, אַזוי ביסטו!

נ ע א ר ג: יאָ, אַזוי בין איך.

מ א ר י ק ק ע: נעארגן!

נ ע א ר ג: הם ?

מ א ר י ק ק ע: נעארג, דענקסטו שוין נים מעהר פון דעם, וואָס דו האסט פריהער געזאָגט, וואס עס איז פארגעקומען אין דיין זעעלע מיט פיער יאהר צוריק?

נ ע א ר ג: (נאך א קורצען שווייגען) הייםכען, דו האסט דאָך דאס העפט דורכגעלעזען?

מ א ר י ק ק ע: יאָ, איך האב דאס העפט דורכגעלעזען... ועסטו עס יעצט טוהן?

נ ע א ר ג: הייםכען, ווארום האסטו פאלש געשווארען?

מ א ר י ק ק ע: (ציהט מיט די אקסלען) אך גאָט!, ווילסטו עס נאָך אַלץ נישט טהון פאר מיר?

נ ע א ר ג: גוט, איך וועל עס טהון.

(פארהאנג)

צווייטער אקט.

(דאס זעלבע צימער ווי אין ערשטען אקט)

מ א מ ז ע ל: (דורך די טיהר רעכטס) קען איך אריין קומען, פריילײן היימכען?

מ א ר י ק ק ע: (זיצט ביי דער מאשין, אויף איהר שויס ליגט שטיקער וועש, און קוקט ארויס אין גארטען) אך, איהר זענט דאס מאמזעל, קומט אריין, יא.

מ א מ ז ע ל; אָה, איהר זיצט דא אין מאכט טרודעס אונטער וועש? אך גאט, אך גאט, וואס פאר א אויסשטייער, ווי פאר א קעניגליכע פרינצעסען! הערט היימכען, די מאמא, האט מיר געגעבען דאס צעטעל פאר׳ן האכצייט מאחלצייט, און עס געפינט זיך דארט פערשריבען צו בריינגען קארפ פיש, איהר ווייסט דאך אז איך ליעב איינצושפארען, אבער קארפ איז צו געמיין.

מ א ר י ק ק ע; ווארום דען? קארפ איז גאנץ שעהן.

מ א מ ז ע ל; אויף טרודעס חתונה איז דאס געמיין, ווען איהר וועט חתונה האבען ווועלען מיר האבען קארפען.

מ א ר י ק ע; פאר מיין חתונה וועט קארפען אויך זיין צופיעל

מ א מ ז ע ל; ניין, ניין, אַלעס וואס ריכטיג, איז ריכטיג, פאר אייך וועל איך אליין מאכען א שעהנע פוילישע זאפ, ווארטס נאר וועט איהר שוין זעהן, אבער, טרודע, מוז האבען ים-פיש, וועט איהר שוין זעהן דאס צו פערזארגען?

מ א ר י ק ק ע: גוט, איך וועל שוין רעדען מיט דער מאמען דעריבער.

מ א מ ז ע ל; איהר זענט דאך נישט ברוגז אויף מיר?

מ א ר י ק ק ע; אָה, ניין.

מ א מ ז ע ל; ווייל איהר ווייסט דאך, אז איהר זענט נישט מעהר וויא אן ארעם ליטווישעס קינד.

מ א ר י ק ק ע; אָה, יא, איך ווייס.

מ א מ ז ע ל; אבער ליעב האבען מיר אייך אלע, און דעם עפעל-פלאדען, וועלען מיר נאךביידע מאכען צוזאמען. א יאָ?

מ א ר י ק ק ע; האט איהר ניט גיזעהן, הערר געארג׳ען?

מ א מ ז ע ל; ניין, ניין,.... אבער הערט היימכען, איך וועל אייך דערציילען עפעס אנגענעמעס, דער יונגער קאנדידאט, — אדער היכפס-

פרעדיגער, וואס ער זאל ניט זיין, איז שטארק פערליעבט אין אייך.

מאריקקע: אזוי?

מאמזעל: און ער וועט נאך היינט בעטען אייער האנד!! איך האב אומערצו געזאגט אז איהר זענט מזל׳דיג דענקט נאר, איהר וועט דאך נאך זיין, א יאהאננים־כלה.

מאריקקע: וואס איז דען א יאהאנגים־כלה?

מאמזעל: איהר ווייסט נישט וואס א יאהאננים־כלה איז? וועל איך אייך דערציילען, אין דעם נייעם ספר סאלאמאנים שטעהט געשריבען "ווער עם גיט, אדער קריעגט, יאהאננים נאכט דעם ערשטען פערלאהבונגסקוס, דער איז פעסט געזיגעלט צו דער ליעבע ביז ן טויט" אזוי שטעהט אין נייעם ספר.

מאריקקע: אזוי?

טרודע: (קומט דורך דער מיט און האלט איין האנד אויפ׳ן רוקען) חיימכען, איך האב עפעס פאר דיר.

מאריקקע: וואס?

טרודע: די מאמזעל מוז צוערשט ארויסגעהן, ארויס, ארויס׳ מאמזעל!

מאמזעל: איך געה שוין ליעבע, איך געה שוין! (אב)

טרודע: יעצט מאך צו די אויגען! (מאריקקע טוטה דאס, טרודע האלט פאר איהר געזיכט א בוקעט בליטהען) וואס איז דאס?

מאריקקע: דער טולפין בוים!...די ערשטע בליטהען פון טול פין בוים (זי גראבט אריין איהר געזיכט אין בוקעט בליטהען) ער בליהט, ער בליהט.

טרודע: נו, יעצט פרעהסטו זיך?

מאריקקע: איך דאנק דיר, טהייערע, איך דאנק דיר!

טרודע: און ווייסט דו ווער עס האט זיי ארונטער געריסען?.... געארג.

מאריקקע: פאר מיר?

טרודע: פאר וועמען דען? ווי ער איז דאס געהאנגען אין דער לופטען, איך זאג דיר ס׳האט מיר אזש אנגעפאנגען צו שווינדלען פאר דיא אויגען.

מאריקקע: זעהסטו, דאס האט ער פאר מיר געטהאן.

טרודע: ביסט שוין שטאלץ, אבער פאר מיר וואלט ער נאך

מעהר געטהאן.

מאריקקע: יא, פאר דיר געווים!... און וואו איז ער יעצט?

טרודע: וואו ער איז יעצט וויים איך נישט.

מאריקקע: האט ער דיר געזאגט אז ער מוז ערגעץ געהן?

טרודע: יא, ער האט מיר געזאגט, אז ער בעדארף געהן אויפ'ן פעלד, און עס איז שוין דא א שעהן שטיקעל צייט זייט דאן. איך האב געוואלט מיט איהם מיטגעהן, איך האב איהם געבעטען, און געבעטען, אבער ער האט דורך אוים נישט געוואלט.

מאריקקע: (אטעמט שווער) אזוי?

טרודע: איך וויים נישט וואס דאס איז, אבער ער איז היינט אזוי מאדנע, פאפא האט שוין געפרעגט אויף איהם עטלעכע מאהל, און וויסט דו, טייערע, צייטענווייז, האלט ער זיך זעהר נישט פיין צו מיר.

מאריקקע: אבער ווארום זאל ער דאס—

טרודע: דאס איז גראדע וואס איך דענק! ווארום זאל ער עס? אָה, ווען איך זאל נאר קענען וויסען פאר זיכער אז ער ליעבט מיך! און ס'איז נאך דא עפעס, איך וויים נישט צו זאל איך עס דיר זאגען, יא, איך וועל עס דיר זאגען—איך האב שרעקליך מורא אז איינע אן אנדערע זאל איהם פון מיר נישט צונעמען

מאריקקע: (מיט א געצוואונגענעם געלעכטער) איהם צונעמען פון דיר? ווער קען דאס זיין?

טרודע: איך וויים נישט, אבער מאנכע מאהל, ווען ער קוקט מיך אזוי אן, אביסעל מיט ליעבע, און אביסעל אזוי, ווי ער וואלט מיך בעדויערט— ער בעדארף מיך נישט בעדוירען! ווארום דען? איך בין דאך אזוי גליקליך?

מאריקקע: (גלעטענדיג איהר) יא, טהייערע, דו בעדארפסט זיין זעהר, זעהר גליקליך.

טרודע: אבער איך קען זיך נישט בעפרייען פון דעם געדאנק: פיליייכט האט ער אן'אנדערע, און מיך ליעבט ער נאר אוים מיטלייד!— אך, ווען איך זאל נאר וויסען!

מאריקקע: אבער, טהייערע—

טרודע: ווייל דו זעהסט, איך בין נאך אזוי יונג, דענק נאר ווי נאריש איך האב זיך בענומען היינט אין דער פריה! נאכדעם האט עס מיך לייד געטהאן אבער איך האב אזוי ליעב צו לאכען (לאכט)

מאריקקע: (מיט א מאדנעם פערציוויפעלטען טאן) און זאלסט אויך לאבען אימער, אימער.

טרודע: און ווייסט דו? מאמא, מיינט אז איך האב איהם נאך ריכטיג נישט ליעב, זי מיינט, איך ליעב איהם נאך ווי א קינד, און נישט ווי א פרוי, אבער זעהסטו, מאמא וואלט בעסער געוואלט איך זאל נישט חתונה האבען, און בלייבען מיט איהר, מיין גאנץ לעבען, אבער דו וועסט זיין גוט צו איהר, האָ? דו ביסט דאך שוין באלד כמעט איהר איין און איינציגעס.

מאריקקע: איך, דער מאמעס?

טרודע: נו, יא.

מאריקקע: וועמענס איינציגע איך בין וועל איך שוין באלד וויסען.

טרודע: וואס מיינסטו דערמיט?

מאריקקע: דו, איז ער.

(געארג קומט פון דערמיט)

טרודע: (לויפט איהם אנטקעגען) אה מיין געארג!

(מאריקקע מאכט אין דער זעלבער צייט א פאָר שנעלע טריט, בלייבט אבער שטעהן.)

טרודע: אך, דו ממזר!

געארג: (פערדריסליך) טרודע!!

טרודע: וואס האב איך דען געזאגט?

געארג: (ליעבליך) הער נאר קליינינקע! פאר'ן פאפא'ן פאסט זיך צו רעדען אזא ווארט, אבער נישט פאר דיר.

טרודע: (ברוגז) דיר געפעלט קיין זאך נישט פון מיר, פון הייםבען געפעלט דיר אלעס, געה, דו קענסט געהן חתונה האבען מיט הייםבען.

געארג: הייםבען-- זי וויל מיך גאר נישט.

מאריקקע: איך דאנק דיר זעהר שעהן, געארג.

געארג: פאר וואס דען?

מאריקקע: (אויפהויבענדיג דעם בוקעט) דערפאר געארג.

געארג: אך, ניטא פאר וואס.

מאריקקע: ביסטו געווען אויפ'ן פעלד?

געאעג: יא, איך בין געווען אויפ'ן פעלד.

טרודע: דער פאפא, איז איבערהויפט זעהר בייז אויף דיר, ער האלט דיך אין ארומזוכען, ער וויל עפּעס רעדען מיט דיר.

גערנ: אך, אזוי! — איך וויים שוין... נאָ!

מאריקקע: אין וועלכע ריכטונג ביסטו געווען?

גערנ: איך בין געווען איבעראל.

מאריקקע: און האסט געפינען.

טרודע: וואס דארף ער געפינען?

גערנ: נישט אמת?... יאָ... וואס זאל איך געפינען? אייער טולפין בוים קינדער, זאג איך איז א קאָמישער קערעל... ווי שאול צווישען די נביאים שטעהט ער דאָ גאנץ אליין.

טרודע: דער עלטער זיידע, האט איהם מיט זיך מיטגעבראכט פון זיד אמעריקא.

גערנ: דערפאר האסטו איהם אזוי ליעב היימכען, ווייל ער איז א פרעמדער?

מאריקקע: (בעשעפטיגט מיט די וועש) פיליכט דערפאר.

טרודע: ניין, נישט דאס איז די אורזאכע, נישט דערפאר.

מאריקקע: פאר וואס דען?

טרודע: איך געה יעצט אלעס דערצעהלען פון דיר, איין טאג ווען זי איז געווען אין קעניקסבערג, האט איהר דער פאפא, מיטגענומען אין דער אפּערע, די אפּפערע האט געהייסען "די אפריקאנערען„

מאריקקע: (צעשטרייט) אך, זיי אזוי גוט, זיי שטיל.

טרודע: אין דער אפּפערע קומט פאר א גיפט-בוים נישט וואהר?

גערנ: גאנץ ריכטיג.

טרודע: און ווער עס אָטימט איין דעם ריח פון די בליטהען מוז שטארבען, ווייסטו וואס זי האָט דער נאך געטיהאָן? דאס הייסט איך צוזאמען מיט איהר, מיר פלעגען געהן אונטערען טולפען—בוים, זיך לייגען אונטער איהם, און שטארק אריין אָטהימען.

גערנ: און דאן זענט איהר געשטאָרבען?

טרודע: יאָ, דאן זענען מיר געשטאָרבען.

מאריקקע: קענסט זיך פארשטעלען גערנ, ווי לאנג צוריק דאס האט געמוזט זיין.

טרודע: יאָ, דאס איז שוין לאנג, לאנג צוריק — — אבער מיט פיהר יאהר צוריק, האט זי זעהר געוואלט שטארבען.

מאריקקע: (ווארפט א דערשראקענעם בליק צו געארגען ווען ער ערווידערט נאכדענקליך)

טרודע: אבער יעצט לעבען מיר ווידער.

געארג: נא, נאט זיין דאנק, און יעצט מיין קליינע, לויף זיך אביסעל דורך, זוך אויף דעם פאפא׳ען, און זאג איהם אז איך בין דא-גו, זיי אזוי גוט!

טרודע: ווען איך מוז — הײמכען געהסט מיט?

מאריקקע: ניין, איך בלייב דא בעסער.

טרודע: דאן בלייב איך אויך דא.

געארג: קליינטשקע, זיי א גוטע, (טרודע געהט אב מיט א זיפץ)

מאריקקע: (ראש, אבער איינגעהאלטען) האסטו זי געפונען? (געארג שאקעלט מיט׳ן קאפ אז יא.) ווען זי קומען? ווארום ענפערסטו נישט?

געארג: הער נור הײמכען, ווען איך האב דאס דיר היינט אין דער פריה צוגעזאגט, האב איך נישט פערשטאנען קלאר ארום וואס דא האנדעלט זיך, איך האב דיין — נא, איך וויל בעסער דאס ווארט נישט ארום ריידען, איך האב די ציגיינערען אזוי רופט מען זי, ביז׳ן היינטיגען טאג נישט געזעהן... הײמכען, איך קען דאס געגען דעם הויז נישט טהאן, איך קען נישט.

מאריקקע: (בעטענדיג) געארג!!

געארג: פערטרויע דאס דעם אנקעל, זאל ער ווייניגסטענס אויך וויסען דערפון.

מאריקקע: ניין, ניין! קיינער נישט, ווי בלויז דו.

געארג: זאג נאר, וואס מיינסטו איינענטליך דערמיט? דו בע-לאנגסט דאך דא אין הויז, דא האסטו אלעס וואס דיין הארץ גלוסט, דא האסטו ליעבע...דא האסטו —

מאריקקע: אויך מיין ברויד, יא, ווארום זאגסטו עס נישט, מיין ברויד!

געארג: איך מיין דאס נישט צו זאגען.

מאריקקע: ניין, איך זאג, אבער פערדיען איך עס דען מיר נישט? פערדיען איך דען מיר נישט דאס ביסעל ליעבע וואס איך קריעג דא, איך בין טאקע „די הונגעריגע יתומה„ אבער שענקען לאז איך זיך קיין זאך נישט.

געארג: עפּעס ווי א טייפעל וואָלט אין דיר היינט אריין.

מאריקקע: פּיקייכט.

געארג: היימכען, איך בייט, דיך לאז עס געהן, איך שרעק זיך אז עס זאל דערפון נישטי עפּעס שרעקליכעס געשעהן, ווייל אויב מען געהט געגען די נאטור ווערט מען בעשטראפט.

מאריקקע: איז דאס געגען די נאטור, ווען א קינד ווייגט נאך זיין אייגענע מוטער?

געארג: דאס איז נישט דיין מוטער, דיין מוטער איז דא אין הויז.

מאריקקע: דאס איז טרודעס מוטער, נישט מיינע, א מוטער מוז פיהלען וואס עס קומט פאר ביי איהר קינד אין הארצען, זי מוז זעהן———

געארג: פּסטו!

טרודע: (קומט אריין פון דער מיט) וואס סוד'עט איהר אייך דא אזוי, לאזט מיך אויך הערען, מיר ווערט אימער מיין הארץ צוו'סען, ווען איך זעה אייך זיך אזוי שושקען.

מאריקקע: (זי ארומנעמענדיג) אָבער טרודע— עס איז דאך אלעס פון דיינעטוועגען.

געארג: (פערדריסליך) הם.

מאריקקע: (מיט א גערוועיזען בל־ק אויף געארג'ען) און אייגענט-ליך איז עס אויך פון דיינעטווייגען.

פאגעלרייטער: (קומט אריין) נא, ענדליך ביסטו דאָ, זאג נאָר יונג ווי טרייבסטו זיך ארום היינט?

געארג: אך, אנקעל!

פאגעלרייטער: הערט נור, האט איהר שוין פערטיג דעם אלטעטשקענס אייער-וויין?

מאריקקע: אך גאט, איך האב דאס אין גאנצען פערגעסען.

פאגעלרייטער: דאן געה אין קאָך איהם שוין אויס, און פערגעס אויך נישט אריינצוטהאן מעהר צוקער דערינען.

מאריקקע: יא פּאפּא'לע.

פאגעלרייטער: און דו טרודע, קענסט אויך געהן און איהר העלפען, עס איז שוין צייט אז דו זאלסט זיך אויך אויסלערנען עפּעס צו טהון.

טרודע: יא, פאפאלע.

מאריקקע: איך גלויב נישט צו דו און די מוטער וועלען איהם קענען מיטנעהמען—ווייל ער דארף דאך צו ערשט אויסקיהלען.

פאגעלרייטער: דאנן זאלסטו איהם נאכהער נאכברענגען.

מאריקקע: (מיט א בליק צו געארג׳ן) קען דאס נישט טאהן טרודע? איך האב נאך אזוי פיעל ארבייט.

טרודע: ניין, איך נישט.

פאגעלרייטער: יא, יא, דו זאלסט עס ברייגען ווען עס וועט זיין פארטיג! און זאלסט פון דארט נישט באלד ענטלויפען, ווי דו האסט געטאהן פאריגען מאהל, דו הערסט!

טרודע: אך, טייערער פאפא, פארגען מאהל האט ער נאר געוואלט האלטען מיין האנד אין זיינע, און זיין האנד איז אזוי קאלט און איז פועל מיט קנייטשען, און די האאר שטעהן אויף איהר אזוי— (צייגט מיט׳ען פינגער אויף דער רעכטער האנד) אקוראט ווי די האנד וואלט געווען א טויטע.

פאגעלרייטער: מיין קינד, קום נאר א הער! די האריגע האנד האט דיך אמאהל געטויפט—פערשטעסטו? און ווען דו ביסט קאנפערמירט געווארען, איז די האאריגע האנד דא געלעגען...און יעצט ווילסטו זי אפילו נישט האלטען אין דיינע יונגע ווארימע הענטלעך? איך וויל דאס מעהר נישט הערען, דו הערסט... קוס! (טרודע גיט איהם א קוס).

מאריקקע: (וועלכע איז וועהרענד דער צייט געשטאנען מיט געארג׳ען שטיל) ווערסטו עס טאהן? זאג?

פאגעלרייטער: און יעצט פערלאזט אונז. (מאריקקע און טרודע אב)

פאגעלרייטער: יעצט איז געקומען דיין צייט "ווי דער שטארך האט געזאגט צום רעגען-ווארים.

געארג: (וועלכער האט נאכגעקוקט די מיידליך וועלכע זענען ארו׳ס געגאנגען, דרעהט זיך יעצט אום) פון מיינעטוועגען, איך בין בערייט, אבער ארונטער שלינגען קענסטו מיך נישט, נעם גוט אין אכט, איך בין זעהר שוועהר צו פערדייען.

פאגעלרייטער: דאס בלייבט נאך אבער צו זעהן.

געארג: וואס ווילסטו אייגענטליך פון מיר? איך האב אגוטע

שטערע ביי דער שטאט, א צעהן יאהרעגען קאנטראקט מיט׳ן מאגע־סטראט, פענסיאָנס בעריכטונג, איך האב נאך א שאַנז צו ווערען א שטאָט־פּאָדראַטשיק, איך וויל געניסען די פרוכט פון מיין אייגענע אר־בייט און נישט פון דיינע.

פאגעלרייטער: אזוי, הא?

געארג: יאָ, ליעבער אנקעל, אויב דו האסט דורכאויס גע־וואָלט א מאַן וועלכען דו זאלסט קענען געבען נדן, האָסטו זיך געווען בעדארפט אויפזיכען אַ לייטענאַנט מיט גרויסע חוב׳עס זיי לויפען ארום אין קעניגסבערג מאסענווייז און זאָגען ניך אפילו נישט: אַ דאַנק.

פאגעלרייטער: דו כוסט געמליך אַ שטאלצער לודער—

געארג: שטימט! נו, בין איך עס... איך האב מעהר נישט ווי מיין שטאָלץ, און דערמיט האב איך אלעס ערוואַרבען אין מיין לעבען.

פאגעריימער: (דורכברעכענדיג זיין שטאלץ) נו, און מיט ארבייטזאמקייט גאָר נישט?

געארג: ניין, דאס איז אויך מעהר נישט געווען ווי שטאלץ.

פאגעלרייטער: ווי איך זעה ווילסטו היינט ווידער ארויס בושעווען אזאַ סקאנדאל ווי עס איז געווען מיט צוועלף יאהר צוריק.

געאָרג: ווען ס׳יועט זיין נויטיג—יאָ.

פאגעלרייטער: אָבער איז דאָס דאמאָלס נויטיג געווען?

געארג: דו פרעגסט מיך די פראגע? ווען איך בין געקומען אין אַ טאָג א היים פון גימנאזיום, וועהרענד די וואַקאַציע צייט, האסט דו מיר ערקלערט אז איך מוז געהן מיט אייך צום אָווענדסמאהל, און מיין געוויסען האט מיר אזאַ לוקסעס נישט ערלויבט, האסטו צו מיר געזאגט: ווען דו געהסט נישט מיט אונז, קריגסטו מעהר ניטש אַזוי פיעל געלד וויפעל דו האָסט געהראָגען ביז יעצט, און איך האב געזאגט „וועל איך דוקא נישט געהן" איך קען דיר זאגען, ס׳איז נישט אזאַ קליינער שפּאס צו הונגערען ווי איך בין דאַמאלס געוועהן געצוואָנגען, אָבער היינט שטעה איך פאַר דיר, אַ פרייער און אונאַבהענגענער מענש, און דאָס אלעס האב איך צו פערדאנקען מיין בעוואוסטזיין, וועלכער איז אימערצו געווען שטאָלץ און אמת׳דיג, אהן פאַלשקייטען און ליגנערייען, איך קען יעדען איינעם פריי קוקען אין געזיכט אריין, און דער בעוואוסט זיין איז דאס שענסטע וואס איך באזיץ, פון איהם ציה איך אלע מיינע קרעפטען, און איהם וועל איך קיינמאהל נישט אויפגעבען,

פאנגעלרייטער: ווער פערלאנגט עס דען פון דיר ?

גנאָרג: און יעצט נאָך איינס, נאַטירליך, איך געהער צו דיזען הויז, דאָס שיקזאל האט אזוי געוואלט, און דערפאר איז מיר קיינמאהל נישט איינגעפאלען צו נעמען א פרוי פון ערגעץ אנדערש, אזוי שטארק פיעל איך זיך געבונדען צו אייך, אבער דאס האט נאָר געקענט פאסירען דערפאר, ווייל איך האב זיך זינד יענעם טאג אינערליך, זעהסטו, אינער־ליך געפיעלט פריי, דו ביסט א גוטער מענש אָנקעל, אָבער דו האסט א שווערע פויסט, און איך וויל זי אויף זיך ניט פיהלען; אין קיינער ווייזע, דארום ענטזאג איך זיך צו נעמען פון דיר אפילו א גראשין, נישט יעצט און קיין מאהל נישט.

פאנגעלרייטער: אלזא, איינענטליך האסטו מורא פאר מי:?

גנארג: איך—מורא...? פשא.

פאנגעלרייטער: אייגענטליך ביסטו נישט מעהר ווי א פייגלינגו!.

גנארג: אנקעל, איך פערבאט אייך—

פאנגעלרייטער: אין מיין הויז קענסטו מיר גאָר נישט פער־ביטען, דו בולוואן! דאָ בין איך בעל—בית!.

גנארג: וואס מאכט עס אויס.

פאנגעלרייטער: דיר ציינט אויס נישט צו געפעהלען, אז עס געפינט זיך איינער וואס האלט אן אויג אויף דיר, און טהוט אכ־טונג אויף דיינע פירונגען.

גנארג: ביז היינט איז מיין לעבען געווען אן אָפענער בוך פאר יעדען איינעם.

פאנגעלרייטער: אבער ווייטער פיליכט נישט? ווער קען לעזען דיינע געדאנקען? און ווער קען וויסען וואס איבער נאכט קען געשעהן.

גנארג: אנקעל, דאס זענען בעליידעגונגען וועלכע איך וויל נים ליידען זאָגאר.—

פאנגעלרייטער: (שפרינגט אויף און קוקט איהם אין געזיכט ווי וועלען זיך שלאגען) נו!! לאָמיר נאָר זעהן, קום נאָר!

פרוי פוינעלריימער: (קומט אריין געקליידעט ווי צום אויס געהן אונטער איהר קומט נאך מאריקקע) היינריך, וואס האסטו געטהאן טרודען? זי זיצט אין איהר צימער און וויינט...

פאגעלרייטער: איז דעם אלטעטשקענס אייער־וויין שוין פארטיג?

מאריקקע: געקאכט איז ער, אבער——

פאגעלרייטער: דאן לאז א ה־ זיך צוערשט אויסוויינען, זי קען עס איהם שפּעטער ברענגען.

מאריקקע: יאָ, פּאפּא'לע.

פרוי פאגעלרייטער: קענען מיר געהן היינריך?

פאגעלרייטער: וואס ווילסטו שוין ווידער?

פרוי פויגעלרייטער: אויב מיר קענען שוין געהן?

פאגעלרייטער: זעץ דיך א ווײלע פאר דער טהיר אויף דער וואראַנדע, מיר האבען נאך צו טהאן, מיר ביידע.

פרוי פויגעלרייטער: וואס איז דער מעהר מיט געארג'ען? וואס איז ער אזוי——

פאגעלרייטער: איך האב איהם אביסעל געקיצעלט אונטער דער נאָז, און דאס שיינט איהם נישט צו געפעלען.

פרוי פויגעלרייטער: (גלעטענדיג געארג'ען) האב נאָר געדולד געארג, נאכהער ווען דו וועסט זי האבען וועסטו קענען לאכען פון איהם.

פאגעלרייטער. (האלט פאר זיך) דאס וועלען מיר נאך זעהן.

(פרוי פויגעלרייטער און מאריקקע אב)

פאגעלרייטער: אין דעם טאָן קען עס ווייטער נישט געהן, אז נישט וועלען מיר זיך נאך שמייסען מיט פערד בייטשען.....אבער פון דעסטוועגען וויל איך מיט דיר געהן גאנץ געלאסען מיין זוהן.

געארג: נו?

פאגעלרייטער: מיין קינד ליעבט דיך, דו ביסט איהר אָבגאָט, איהר אלעס, און אייער חתונה מוז שטאטפינדען...אבער זאג מיר, וואו נעמסט דו זיך אייגענטליך דאס רעכט צו זיין אזוי חוצפה'דיג שטאָלץ.

געארג: בעדארף איך אפשר ביי דיר נעמען ערלויבענים דערצו? הא?

פאגעלרייטער: און ווען איך זעה דיך אזוי ארומגעהן, טרעטענדיג מיט די פיס, דאן דאכט זיך מיר, ווי איך וואלט געזעהן דיין זעלענען פאטער געהן.

גערג: וואס ווילסטו פון מיין פאטער? ער איז דאך שוין טויט איבער צוואנציג יאהר?

פאנגעלרייטער: וואס איך וויל פון איהם? דאס וואס ער האט מיר איבערגעלאזט צו זארגען פאר דיין קינדהייט, דאס וויל איך אפילו נישט דערמאנען, אבוואהל דאס וואלט איך בעדארפט צו זיין גענוג אביסעל צו פערקלענערען דיין אונבעשרענקטען שטאלץ, יעדענפאלס צו מיר—אבער—ע—

גערג: אנקעל, מיט מיר קענסטו מאכען וואס דו ווילסט, אבער מיין פאטער דערמאהן נישט! לאז איהם רוהען אין קבר!

פאנגעלרייטער: איך דענק אז ער קען שוין רוהיג שלאפען, דערפאר האב איך שוין געזארגט.

גערג: ווילסטו דערמיט—?

פאנגעלרייטער: נא, ווער איז דען דאס געווען, ווער עס האט בעצאהלט זיינע עהרע שולדען, אום מען זאל איהם נישט צו שאנד מאכען, ווען ער איז געלעגען טויט?

גערג: (נאך א שווייגען) אנקעל, דאס האסטו מיר נישט געווען בעדארפט צו זאגען.

(ער זינקט ארונטער אויף איין שטיהל אין בעדעקט דאס געזיכט מיט זיינע הענט)

פאנגעלרייטער: יא, מיין זוהן— (וויל רעדען קען אבער נישט—(נעמט ארויס א סיגאר געהט ער שוויגענד ארום הין און צוריק) הער נאר— וויל איהר פערויכערען, צובריכט איהם אבער און ווארפט איהם אוועק)

גערג: אנקעל, דאס האסטו מיר נישט געווען בעדארפט צו זאגען.

פאנגעלרייטער: מיין גאט! דו האסט דאך דאס געוואוסט.

גערג: יא, איך האב עס געוואוסט, און דאך האסטו עס מיר נישט געווען בעדארפט זאגען, דו האסט עס נישט בעדארפט איבער זאגען דאס צווייטע מאהל, מיט צוועלף יאהר צוריק אין אונזער שטרייט ווען דו האסט געכאפט די בייטש און איך דאס ברויט מעסער

פאנגעלרייטער: יא, דאס האב איך נישט בעדארפט.

גערג: דו נישט די בייטש און איך נישט דאס מעסער, דאמאלס האב איך עס געהערט צום ערשטען מאהל, און דאס איז אויך די אורזאכע ווארום איך וויל ביי דיר גאר נישט נעמען, נו יעצט ווייסטו פון דעם טאג אן, האב איך געשווארען צו קראצען גאלד מיט מיינע

נעגעל פון דער ערד און דיר עס אין געזיכט אריין שליידערען, און פון דעם טאג אָן האב איך דיך געהאסט—שרעקליך געהאסט!

פאגעלרייטער: נור דערפאר ווייל איך האב גערעטעט די עהרע פון דיין פאטער?

געארג: ניין, ווייל דו האסט זיך בענוצט דערמיט אלעס א וואפע צו ברעכען מיין שטאלץ, און דאס איז נישט אזוי שעהן.

פאגעלרייטער: נא, מיין יונג, מען נעמט וואס מען האט.

געארג: יא, אפילו נישט קוקענדיג וואס עס איז א בייטש! (ביטער) נא, איך זעה יעצט אז איך בין בעגאנגען א פעהלער, איך האב קיין רעכט נישט צו זיין שטאלץ, מיין פאטערס ערבטייל ערלויבט עס מיר נישט, אהער גיב אלעס וואס דו ווילסט מיר געבען, איך בין יעצט בערייט אלעס צו נעמען.

פאגעלרייטער: נאַ, נאַ, אין דער שטימונג וואס ביז יעצט וויל איך מיט דיר מעהר נישט רעדען, דו קענסט מיך נאך אנפאנגען ווייעדער צו האסען ווי דאמאלס.

געארג: ניין, ניין, אנקעל אלעס איז פערביי, איך וועל שוין אלעס ארונטער שלינגען, נאַ...

פאַגעלרייטער: געארג!

מאריקקע: (קומט אריין) פערצייע, פאפא, די מאמא פרעגט צו איהר זייט שוין פערטיג.

פאגעלרייטער: (מיט א בליק צו געארגען) נאַ פון מיינעטוועגען, זענען מיר עס שוין, (כאפט די מיץ) זעה נאר ווי ער זיצט היימבען, גיב איהם א ביסעל שנאפס וועט עס איהם אויפמונטערען —— ——

(ער געהט צו צו דער טיהר און קעהט זיך ווידער אום) געארג!

געארג: אנקעל.

פאגעלרייטער: (שטרעקט איהם אויס זיין האנט)

געארג: מיין האנד קען איך דיר נאטירליך נישט ענטזאגען. (ער גיט איהם די האנד)

פאגעלרייטער: און דאס הארץ וועל איך נאך אויך קריגען. (שוין ביי דער טיהר מורמלינדיג) דומקאפ! דו פערפלוכטער! (אב)

מאריקקע: וואס האט ער דיר געטהון געארג?

געארג: פרעג נישט! פרעג נישט! (שפרייזט ארום הין און צוריק אין צימער) די אלע יאהרען האב איך געקעמפט נאר פאר דעם איינעם

אויסלביק צו זיין פריי, צו זיין פריין און יעצט ווידער בויגען, ווידער בויגען! ווען נישט צו ליעב דאס קינד וועלכעס עס איז אין אלעמען אומ־שולדיג וואלט איך שוין דאס לאנג נישט געדולדעט. און יעצט מוז איך ווידער אין יאך אריין.

מאריקקע: (אוהם טרייסטענדיג) גנעארג, דער יאך איז דא נישט אזוי שווער, אין דיעזען הויז דענק איך איז דאך מעהר נישטא ווי ליעבע.

גנעארג: ווי פרום דו ביסט געווארען!

מאריקקע: איך בין נישט פרום.

גנעארג: ווי האסטו פריהער געזאגט? איך בין „די הונגעריגע יתומה" אבער שענקען לאז איך זיך נישט—— איך בין אויך אזא קינד ווי דו, אבער איך לאז זיך אלעס שיינקען.

מאריקקע: דו א קינד פון אומגליק——דו?

גנעארג: יא, בין איך דען אויך נישט אויפגעהויבען געווארען פון דער גאס גראדע ווי דו? בין איך דען אויך נישט געקומען דא און הויז אריין ווי דו? ווער איך דען אויך נישט געגעהרט פון די וואהלטע־טערס—גראדע ווי דו?

מאריקקע: איך נעם געדען וואס איך קריעג.

גנעארג: און דיענען דיענסטו אויך גערן?

מאריקקע: געוויס דיען איך גערן.

גנעארג: אבער־איך—איך וויל הערשען, דו זעהסט!

מאריקקע: דו זאלסט אויך הערשען.

גנעארג: (געהט הין און צוריק, שפאטיש) יא געוויס!

מאריקקע: (דערשראקען) גנעארג.

גנעארג: הא?

מאריקקע: פטרצייהע! האסטו פערגעסען, וואס דו—און—?

גנעארג: אך יא!

מאריקקע: איך ווייס, עס איז נישט שעהן פון מיר. דיין קאפ איז יעצט פערנומען מיט אנדערע זאכען, און אויסער דעם, דו האסט עס מיר שוין איינמאהל ענטזאגט.

גנעארג: נו, געראדע יעצט וועל איך עס טהון!!געוויס...האהא! איך געה מיין אייגענעם וועג, איך דארף קיינעם קיין רעכנונג נישט אב געבען, איך האב עס דיר פערשפראכען און איך וועל עס טהון, איך וועל האלטעןווארט!!

מאריקקע: איך דאנק דיר, גנאָרג! אך, ווי איך דאנק דיר!
געארג: דאנק מיר ליעבער נישט.
מאריקקע: ווי איז זי יעצט?
געאָרג: זי וואַרט אונטער'ן פלויט -אין גארטען (ציייגט ארויס) דא זיצט זי
מאריקקע: אך, גאָט, לאָז זי לענגער נישט ווארטען רוף איהר שוין אריין—יא?
געארג: טרודע איז דאך נאך דא.
מאריקקע: איך וועל שוין זעהן אז זי זאָל אוועק געהן, ווען איך וועל ארויס קומען אויף דער וואראנדע זאָלסטו וויסען אז זי איז שוין אוועק.
געארג: הייטכען! צו ליעב דיר וויל איך דיך ווארנען א לעצטען מאהל, עפּעס אַן אומגליק וועט דערפון זיכער ארויס.
מאריקקע: קיין גרעסער אומגליק אויף דער וועלט קען דאך שוין נישט זיין.
געארג: איז דאס דיין לעצטעס ווארט? נו, איך וועל זי ברענגען צו דיר, (נעמט זיין הוט און געהט אַב דורך דער מיט)
מאריקקע: (עפענט אויף די טהיר לינקס און רופט) טרודע! טרודע! עס הערט זיך דארט אַ טהיר אויפעפענען
טרודע: (פון אינוועניג מיט אַ ווייגעדיגע שטימע) וואָס איז?
מאריקקע: קום שנעלער אז נישט וועט דער פאפא זיין אין כעס.
טרודע: (עס הערט זיך איהר שטימע) איך קום שוין (נאך עטליכע מינוטען ערשיינט זי אין טהיר)
מאריקקע: ווי רויט דייגע אויגען זענען! (קוסט זי) דו האָסט געוויינט? וואס איז מיט דיר טהייערע?
טרודע: וואו איז געארג?
מאריקקע: ער האט געמוזט ווידער געהן אויפ'ן פעלד
טרודע: ער האט מיר אפילו נישט געזאגט „זיי געזונד“
מאריקקע: ער האט געהערט אז דו ווייגסט האט ער דיר נישט געוואלט שטערען.
טרודע: (פערדעכטיג) ווארום? (עס הערט זיך א קלאַפּען אין דער טהיר)

מאריקקע: אריין!

דינסטמיידעל: (מיט א האנד-קארב) דאָ איז דער וויין פאַר'ן אלטעטשקען! און דא האט איהר אויך א פּאָאַר קוכענס. די מאמזעל האט אנגעזאגט אז איהר זאלט זיי נישט צודריקען.

מאריקקע: זעהר גוט. (די דינסטמיידעל אפּ)

טרודע: (נעמט דעם קאַרב) זיי געזונד היימכען.

מאריקקע: געה געזונד. [טרודע לאזט זיך געהן דורך דער מיטעל טהיר]

מאריקקע: (דערשראקען) וואו ווילסטו געהן?

טרודע: איך וויל נעהן דורכ'ן גארטען און איבער'ן פעלד, פיללייכט וועל איך בעגעגענען געארג'ן.

מאריקקע: דו טאָרסט נישט געהן איבער'ן פעלד איינע אליין, פאפא האט דאס פערבאטען.

טרודע: אבער איך קען פיללייכט טרעפען געארגען.

מאריקקע: און ווען דו וועסט איהם נישט טרעפען? ניין, ניין, דאס וועל איך דיך נישט לאזען, ניין, דאס וועל איך נישט לאזען. איך בין נעכטען ביינאכט שיער נישט קראַנק געווארען פון שרעק.

טרודע: (געהט צו די טהיר לינקס, און קעהרט זיך אום) היימכען, ביסט נישט ברוגז אויף מיר?

מאריקקע. מיין טייערענקע!! (זיי אומארעמען זיך ליידענשאפטליך)

טרודע: נו, וועל איך געהןדורך דאנען (קערט זיך ווידער אין בעקוקט אלעס) זאלסט גריסען געארגע'ן.

מאררקע: איך וועל איהם אבער דאך נישט זעהן, טהייערע

טרודע: פיללייכט וועסטו איהם יא זעהן.

מאריקקע: דאן וועל איך איהם גריסען.

טרודע: זעהר גוט (אב)

(מאריקקע, געהט שנעל ארויס אויף דער טעראזע מאכט א צייכען אין גארטען אריין, און קערט זיך באלד אום צוריק, דאן פעררריגעלט זי די טהירען רעכטס און ליגקס געהט ווידער צו צו דער מיטעל טיר ווייכט אבער שרעקענדיג לאנזאם אונטערוויילעכס צוריק, זי דריקט זיך צו געגען דער וואנט און פעדדעקט דאס געזיכט מיט איהרע הענד)

געארג: (בעווייזט זיך אויף דער טעראזע) דאָ איז זי (ער ציהט זיך צוריק קוקענדיג ארום זיך אין גארטען)

די ציגיינערען: (קומט אריין) פריילינקע, ביזט מיין טאכטערקע, יאָ, האָב נישט מורא פאר מיר—ניין...ביסט אַ שעהנע מיידעל—יאָ' יא, האסט אַ חתן—יא?...דו געהסט חתונה האבען, זאגען זיי.

מאריקקע: דאס געהט טרודע, מיין פפלעג-שוועסטער.

די ציגיינערען: דו געהסט נישט חתונה האבען—עה? נא נא, דו וועסט נאך אויך חתונה האבען. (טאפענדיג מאריקקעס קליידער מיט איהרע פינגער) וואס פאר א שעהן קלייד—לויטער וואָהל—לויטער וואָהל (האט בעמערקט איהר זיידען שירצעלע) אָך, און אַ זיידען שירצעלע, דורכווים זייד! שענק מ'ר דאס שירצעלע—שענק עם מיר!

מאריקקע: (בינט אויף דאס שירצעל און גיט איהר עם אוועק) נאַ!

די ציגיינערען: אַ דאנק שעהן פריילינקע, א דאנק שעהן! (זי קוסט מאריקקעס ארבעל און קלייד, אבער אזוי ווי זי וויל איהר א קוס טהאן אין האנט חאפט זי זיא צוריק)

מאריקקע: ניין, ניין, נישט די האנט.

די ציגיינערען: גוט, זעהר גוט... ביסט א שעהן פריילין... (קוקט זיך ארום) איז דער אלטערפאגעלרייטער נישטא--הא?

מאעיקקע: ניין, ער איז נישטא אין דער היים.

די ציגיינערען: דאס איז גוט, דאס איז גוט!... ער איז אַ טייוועל דער פאגעלרייטער, אלע דייטשען זענען טייוועלס!...אבער ער האט שעהנע הייזער—האט ער! ווי א פרינץ! (טאפט דאס טישטוך פון מיטעל-טיש) וואס פאר אַ פיינע שאָל דאס איז, אָך, גאָט—(דערזעהט די לייוועגט) און וואָס פאָר א פייגע לייוועגט. (מיט א ווינק צו מאריקקען) קום אהער!

מאריקקע: (דערנעטערט זיך צו איהר) וואס ווילסטו?

די ציגיינערען: (צייגענדיג מיט'ן פינגער) גיב מיר אַ שנאפּס, אַ קליין ביסינקע שנאפּס.

מאריקקע: יאָ, דאס וועל איך דיר גערן געבען, (וועהרענד מאריקקע איז בעשעפטיגט אין ארויסנעמען און אנגיסען דעם שנאפס, געהט זי שנעל צו צו דער לייוועגט חאפט אַ פאר שטיקלעך און פערשטופט זיי אונטערין פארטוך)

די ציגיינערען: (נאך דעם ווי זי האט אויסגעטרונקען) אַ דאנק! מיין טאכטערקע, מיין פריילינקע (זי גלעט זיך מעהרערע מאהל אובער'ן בויך) אַ ס'איז גוט! ס'איז גוט!— גיב מיר נאך איינס! (מאריקק גיעסט

איהר אן נאך איינס זי טרינקט עס אויס) א דאנק! זעהר שעהן, נא, יעצט מוז איך געהן... יא יא—יא יא! (זי לאזט זיך געהן אין הינטערגרונד און פערליערט א שטיקעל לייוונד)

מאריקקע: מו—מוט...וואס האסטו דא— דא—?

די ציגיינערען: דאס איז מ'ינס, מיינס! (זי הויבט אויף דאס שטיקעל לייוונט) איך האב דאס געפונען אויפ'ן פעלד (זי בעהאלט עס אונטער'ן ארים)

מאריקקע: לאז דאס ליגען, דאס געהערט נישט צו דיר.

די ציגיינערען: גוט, גוט, נא, (לעגט דאס שטיקעל לייוונט צוריק אוועק)

מאריקקע: גיעב צוריק אלע וויפיעל דו האסט גענומען.

די ציגיינערען: איך האב נישט מעהר, איך האב נישט מעהר! איך קען דיר שווערען.

מאריקקע: (געהט שנעל צו צו די טיהר) געארג!... געארג!

געארג: (טריט איין) היימכען?

מאריקקע: גיעב מיר א גאלדשטיק.

(געארג גיט איהר א גאלדשטיק)

מאריקקע: דא איז געלד, גיעב די לייוונד צוריק.

די ציגיינערען: (נעמט דאס געלד, לייגט צוריק די לייוונט, און רעדט גייציג) אך, א דוקאט! א גאלדענעם דוקאט! מיין טאכטערקע, איך דאנק דיר.

מאריקקע: נו, יעצט געה!

די ציגיינערען: יא, יא...איך געה שוין, יעצט געה איך (זי ווארפט איהר קושען דורך די טיר. ראש אב)

מאריקקע: (נעמט ארופ א שליסעל וואס הענגט אויפ'ן שליסעל־ברעטעל און גיט עס געארג'ען) געארג נעם דעם שליסעל און פערשליס דעם גארטען־טויער, אזוי, אז זי זאל שוין מעהר נישט קענען צוריק־קומען.

(געארג געהט אפ, זי קוקט איהם נאך, דאן קעהרט זי זיך לאנגזאם צוריק, לעהנט זיך אן אויפ'ן טיש און קוקט פאר זיך מיט שטארע הויגען)

(עס הערט זיך א קלאפען אין דער טיר לינקס)

מאריקקע: (רעדט מעכאניש) אריין! (די טהיר ווערט געשטופט פון דרויסען).

דער דינסטמיידעלס שטימע: די טיר איז דאך פערריגעלט
(מאריקקע געהט אויפמאכען)

דינסט מיידעל: (קומט אריין מיט א גרויסען טאץ טעלער) ס'איז שוין צייט צו גרייטען צום אווענד־ברויט — וואלט איהר מיר פיר־לייכט נישט געוואלט העלפען פריילין... וואס איז אייך? איהר הערט דאך גאר נישט?

מאריקקע: מען דארף נישט, ליענע? איך וועל שוין אליין גרייטען צום טיש.

דינסט מיידעל: ווי איהר ווילט, פריילין! זעהר גוט. (אב)

נעארג: (קומט אריין געהט צו צו מאריקקע'ן וועלכע זיצט ווי פער־שטארט) נא, נא, היימכען! קום דאך צו זיך.... וואס קוקסטו אזוי?

מאריקקע: אך, נעארג! (זי דריקט זיך וויינידיג צו צו זיין ברוסט)

נעארג: (איהר גלעטענדיג פאר די האר) וויין! וויין! וועט דיר פיללייכט לייכטער ווערען, איך ווייס אז דאס טהוט וועה—מיר האט אויך אזוי אמאל וועה געטהון.

מאריקקע: אך, נעארג, יעצט ווייסטו אלעס, יעצט האב איך קיינעם נישט אין דער וועלט אויסער דיר.

נעארג: יא, יא...מיר ביידע, מיר פערשטעהן אונז...מיר ביידע —מיר געהרען צו זאמען — נישט?

מאריקקע: אך, גאט — יא...

נעארג: און דעם היינטיגען טאג וועלען מיר געדענקען. דער טאג היינט האט אונז צוזאמען געפירט. עס איז דער טאג פאר יאהאניס־נאכט, ווייסטו עס געדענקען טהייערע?

מאריקקע: (נאך א קורצען שווייגען קעמפט זי זיך לויז צו מאכען. מיט שרעק) געה אוועק! זיי אזוי גוט!

נעארג: (פערלעגען) ווארום זאל איך מיט איינמאהל אוועק־געהן — היימכען?

מאריקקע: געה אוועק, איך בעט דיך נעארג, איך מוז יעצט גרייטען צום טיש!

נעארג: היימכען, דו האסט דאך ערשט אליין געזאגט, אז דו האסט קיינעם ניט אויסער מיר. און א מענשליכע זעעלע בעדאפסטו דאך.

מאריקקע: ווען דו ווילסט מיך ניט פערא־כטען, דאן געה אוועק, [שטיל] געה אוועק.

נעארג: (מיט א פערדריקטען געלעכטער) איך — דיך — פעראכטען?. גוט, אויב אזוי, געה איך אוועק. [צעגערענד, דרעהט ער זיך נאך א מאהל אום ביי דער טיר, דאן ראש אב)

[מאריקקע ברעכט צוזאמען וויינענדיג אויף א שטוהל]

[פארהאנג]

דריטער אקט.

[די זעלבע סצענע. ס'איז שפעט אין אבענד. איבער'ן מיטעל-טיש ברענט דער הענגעל-לאמפ, א צווייטער לאמפ ברענט אויפ'ן טיש לינקס. די גלאז טהירען צום גארטען זענען געעפענט. עס דרינגט אריין דער שיין פון דער לבנה. ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף זיצט פאגעלרייטער, פרוי פאגעלרייטער, האפפקע, ביים טיש לינקס; טרודע און געארג זיצען ביים מיטעל-טיש].

פאגעלרייטער: נ', וואו איז ערגעץ געבליבען היימכען, מיט דער פונש-שיסעל?

האפפקע: וואס מיר וועלען האבען פונש היינט ביי נאכט, הערר פאגעלרייטער?

פרוי פויגעלרייטער: מיר האבען דאך היינט יאהאניס-נאכט. די מענשען פון גאנצען דארף וועלען היינט פערברענען זייערע דזשענאכץ-פעסלעך. און מיר וועלען פייערן דעם היינטיגעי אבענד מיט פונש.

פאגעלרייטער: אבער פיליכט איז דאס פעסט צו היידניש פאר א גרויסען גייסטליכען?

האפפקע: דאס איז נאַר, ווען איהר האט נישט דעם גייסט-ליבענס גייסטליכקייט, דאן איז עס צו היידניש.

פאגעלרייטער: אבער ווען די גייסטליכקייט טרינקט מיט דאן איז עס קריסטליך, און גוט? הא?

האפפקע: איך האב דאס נישט געזאגט. דאס בעדארפט איהר פ רעגען ביים קאנסיסטאריום, זיי ווייסען די אלע זאכען.

פאגעלרייטער: אך הער פרעדיגער! איהר זענט אויך א גוטער דיפלאָמאט, נא וואס מאכט איהר דארט? איהר האט גאר נישט וואס צו זאגען?

טרודע: געארג איז צו פויל, ער צייכענט נאר -קליינעטשקע מענערלעך, איך שרייב.

פאגעלרייטער. דאן געארג, מאָהל בעסער ווייבאליך.

געארג: ווען דו בעפעהלסט ליעבער אנקעל.

פאגעלרייטער: דער יונג איז עפעס היינט אין גאנצען טרויעריג. זייט לוסטיג קינדער. ס'איז דאך היינט יאָהאניס-נאכט.

און דא קומט אויך דער פּונש.

(מאריקקע איז אריינגעקומען טראגענדיג אַ טאַץ אויף וועלכען עס געפונט זיך א פּונש־שיסעל און גלעזער)

פאגעלרייטער: טרודע העלף אלעמען דערלאנגען!

טרודע: יא, פאפּא'לע.

פאגעלרייטער: (טרינקט) אה ווי גוט, איך זאג אייך הער פרעדיגער, ווער עס וועט זי קריגען פאַר אַ פרוי וועט זיין דער גליקליכ־סטער מאן.

טרודע: (שטעהט מיט א גלאז הינטער געארג'ען, וועלכער שטעהט און קוקט ארויס אין גארטען) געארג! — דו ווילסט נישט?

געארג: (גלעט איהר און קוקט מיט אַ שרעקענדיגען בּליק אויף מאריקקע'ן) יאָ, געוויס מיין טהייערע! אַ דאנק דיר......קוקט נאר קינדער ווי שעהן די לבנה שיינט היינט ביינאכט! אלעס איז איינגעהילט ווי אין אַ זילבערנעם שלייער! אך ווי שעהן.

מאריקקע: (געפרעסט) באלד וועלען נאך אויך די פייערען אויפפלאַקערען.

פאגעלרייטער: נאַ, נאַ, ענדליך האסטו גערעדט, איך האָבּ שוין געמיינט אז דו האסט פערלוירען די שפראך. קומט נאר אהער קינדער נעמט אלע אייערע גלעזער! אלע אנשטויסען! צו געזונד! און יעצט זאל אונז דער הער פרעדיגער האלטען א היידנישע רעדע וועלכע זאל פאַסען פאַר'ן היינטיגען אבענד.

האפּפּקע: נאַ, נאַ!

פאגעלרייטער: זאג מיר נאר, איז דאס ריכטיג אז דו ווילסט נאך היינט בּיי נאכט פאהרען קיין קעניגסבערג?

מאריקקע: יא, געוויס פּאפּא'לע!

פאגעלרייטער: איך ערלויב עס אבער נישט, זעהסטו?

מאריקקע: פּאפּא'לע איך האב דאָך בּיי דיר געפרעגט מיט פערצען טאָג צוריק צו איך וועל קענען אַ פּאָר מאל פאהרען אין קעניגס־בּערג, האסטו געזאגט יא.

פאגעלרייטער: אבער נישט אין מיטען דער נאכט מיין טהייערע.

מאריקקע: איך מוז פאהרען היינט בּיי נאכט, איך בּעדאַרף דאָרט זיין זיבען אוהר אין־דער־פריה, אז נישט וועלען די ארבּייטער ניט

וויסען וואס צו טהון. און די איינריכטונג וועט נישט זיין פערטיג.

פרוי פאנעלרייטער: אבער היינריך, זי מוז דאך פאהרען.

פאנעלרייטער: אבער זעה נאר ווי זי זעהט אויס.

מאריקקע: וואס איז דען מיט מיר, איך בין דאך גאנץ לוסטיג.

פאנעלרייטער: לאך נאר.

מאריקקע: (געצוואונגען) הא הא אה!

פאנעלרייטער: (מאכט איהר נאך) יא, יא, הא הא הא!

פרוי פאנעלרייטער: קום נאר א הער קינד מיינס: בויג זיך צו! (גלעט איהר און קוקט אויף איהר פארזיכטיג) האסטו גוט געשלא־פען היינט ביי נאכט? — הא?

מאריקקע: יא, מאמא׳לע.

פאנעלרייטער: אבער ווען דער פרעמדער מאנז זאל אויף דיר ווידער אנפאלען?

האפקע: ערלויבט נאר, וואס איז געשעהן?

פאנעלרייטער: אך גאר נישט! גאר נישט... הייסט דאס דו ווילסט נאך פארען מיט דער איינס אזייגער באן?

מאריקקע: יא, פאפא׳לע.

פאנעלרייטער: פיער אזייגער געהט דאך אויך אפ א צוג. דאן איז וויינינגסטענס ליכטיג.

מאריקקע: וועל איך דאך קומען צו שפעט.

פאנעלרייטער: נא ווי דו ווילסט. גערג, דו קענסט אויף זיין און וועסט בעגלייטען מאריקקען צום באן־הויף.

מאריקקע: (דערשראקען) געארג?

געארג: (דערשראקען) איך?

פאנעלרייטער: וואס איז? ווארום נישט?

האפקע: ווען עס וואלט נישט געוועהן אונבעשיידען, וואלט איך איהר גערען בעגלייט צום באן-הויף.

פאנעלרייטער: ניין, ניין, מען דארף נישט. אייער צייט וועט נאך קומען אן אנדערס מאהל.(אין א זייט) עס וועט איהם וויינינגסטענס מאכען א ביסעל בעשעפטיגט.

טרודע: פיל־ייכט קען איך אויך מיטגעהן, פאפא? איך האב זעהר ליעב צו געהן שפאצירען אין א לבנה-נאכט.

פאגעלרייטער: ניין ניין, דאס קען נישט זיין. עס איז אונאנ־שטענדיג אז צוויי ליעבענדע זאלען ארום געהן שפעהט ביי נאכט, און נאך דערצו אהן א שומר.

מאריקקע: איך וואלט בעסער געוואלט געהן אליין. איך האב נישט קיין מורא. און אויסער דעם איך וויל נישט אז געארג זאל זיך בעמיהען, און אויך קיין אנדערער נישט.

פאגעלרייטער: פון קיין אנדערע איז גאר נישטו וואס צו רעדען. ווייל אלע דא אין הויז דארפען אויפשטעהן פינף אזייגער (צו געארג׳ן) און וואס פאר א תירוץ האסטו וואס דו ענטזאגסט זיך?

געארג. וואס פאר א תירוץ? גאר קיין תירוץ נישט. האסט דאך אליין געהערט, זי וויל נישט איך זאל געהן!

פאגעלרייטער: האט איהר זיךביידע שוין ווידער געקריגט?

פרוי פאגעלרייטער: וואס קוועלסטו זיי אזוי היינט׳יך, אז זיי ווילען נישט—

פאגעלרייטער: נא שיקט מיר ארויין פלעטס. איך בעדארף זיך צו ערשט ביי איהם עפעס ערקונדיגען! נו צו געזונד! [ער שטויסט אן מיט׳ן הילפס־פרעדיגער און זיי טרינקען. מאריקקע און טרודע לויפען צו דער טהיר און רעדען צו אימעצען אין דרויסען] דאן הערט זיך א ווייבערשע שטימע: „פלעטס דער בעל־בית בעדארף אייך"

פלעטס שטימע: (פון דרויסען) יא, הער פאגעלרייטער (ער קומט אריין).

פאגעלרייטער: הערט נאר פלעטס.... היימכען, גיב איהם א גלעזעל פונש; זעהט נאר דער מאן ווערט דאך איינגעטריקענט.

פלעטס: [שעמעוודיג] אך, איך האב ערשט יעצט א גלאז ביר געטרונקען.

פאגעלרייאער: פון פלעטס פרייואט קעלער — הא?

פלעטס: ניין, די מאמזעל האט עס מיר געגעבען.

פאגעלרייטער: אה הא! איהר האט געהאט א קליינע אנטער־האלטונג מיט דער מאמזעל?

פלעטס: אך! הער פאגעלרייטער, פערשעמט מיך נוט אין דער אנוועזענהייט פון יונגע מיידליך.

פרוי פאגעלרייטער: איהר ווייסט דאך פלעטס, ער מיינט דערביי גארנישט, ער שפאסט נאר.

פלעטס: (נעמט א גלאָז פונש וואס מאריקקע האט איהם דערלאנגט) א דאנק שעהן, פריילין.

פאנגעלרייטער: (מיט אַן איינגעאלטענעם טאָן) הערט נאר פלעטס! (הויך) לאזט אייך נישט שטערען מיינע פריינד, הערר פרעדיגער, דענקט דערווייל אויס א שעהנע רעדע (צוריק מיט אַן איינגעהלאטענע שטימע) נאָ, האט איהר אייך עפּעס ערקונדיגט וועגען דעם פרעמדען מאַן?

פלעטס: נישט אָ שפּאָר אפילו. אויסער דעם וואס דער זשאנדאר האט ארעסטירט אין קרעשטמע צוויי בראדיאגעס. אבער דאס איז נאך געווען עהערנעכטען.

פאנגעלרייטער: ווען איך וואלט כאטש געקענט צווייפלען אין איהרע ווערטער... עה היימכען קום נאר א הער!

מאריקקע: (געהט צו צו איהם) וואס איז פאפא'לע.

פאנגעלרייטער: (קוק זי שטארק אָן) גוט, קענסט געהן.

פלעטס: און ביי דער געלעגענהייט האב איך אויך געזעהן די ציגיינערען.

פאנגעלרייטער: פסט! שטילער! ווי דאס?

פלעטס: זי איז געזעסען אין קרעשטמע און האט געהאט געלט.

פאנגעלרייטער: ווי האט זי דאס נע'גנב'עט?

פלעטס: ווער ווייס? דער קרעשטמער זאגט, אז ער האט ביי איהר געזעהן א גאלד-שטיק.—זייט נאר גאנץ רוהיג הער פאנגעלרייטער, זי וועט דאָ לאנג נישט ארומקריכען.

פאנגעלרייטער: שלאפט זי אין קרעטשמע?

פלעטס: ניין! ביי נאכט נעכטיגט זי אין דרויסען אויפ'ן וועג. און אין דער פריה קומט זי ווידער, זאגט דער קרעטשמאר.

פאנגעלרייטער: הם!...דאס איז שוין באלר גענוג אורזאכע איהר צו ארעסטירען—נעארג!

נעארג: אנקעל?

פאנגעלרייטער: איך האב זיך עס איבערגעדענקט, און עס איז ביי מיר בעשלאסען, אז דו מוזט דאך היימכען בעגלייטען.

נעארג: ווי דו בעפעהלסט.

פאנגעלרייטער: און מעהר זאלט איהר נישט ברוגז זיין איינס אויף דעם צווייטען. איהר הערט!

מאריקקע: (אהן אַ טאָן) ניין, גיין.

טרודע: „וועלכע איז געשטאנען אויף דער טעראזע" זעהט!—זעהט נור! די ערשטע ברענען. „א רויטער שיין פלאמט אויף און עס הערט זיך שטילע געפלידערס און געלעכטערס".

פרוי פאגעלרייטער: האט איהר אויפגעפאסט פלעטס—איז דאס ווייט פון די שטאלען?

פלעטס: געווים, פרוי פאגעלרייטער!

טרודע: „קומט מיט איהם אביסעל מעהר פארוועדטס" ווארום רופסטו מיך טהייערנקע היינט?

גע א ר ג: זאל איך נישט?

טרודע: אה, יא, ליעבסטו מיך יעצט מעהר ווי אלע טאג?

גע א ר ג: איך האב דיך אימערצו ליעב!

טרודע: אבער דו רופסט מיך אימערצו "קליינעטשקע„ און היינט האלסטו מיך אין איין רופען „טהייערנקע".

פאגעלרייטער: נו, יעצט, העך פרעדיגער, נעמט איער גלאז, און פאנגט אן אייער רעדע.

האפפקע: אבער צו זי וועט זיין א שטארק היידנישע, דאס קען איך אייך נישט פערשפרעכען.

פאגעלרייטער: נא, נא, הער פרעדיגער, לאזט אונז נישט ווארטען.

האפפקע: און ערענסט גערעדט, ווי זאל איך אייך דאס זאגען?... א רעדע וועל איך אייך היינט נישט קענען האלטען.

פאגעלרייטער: נו, נו, זאל שוין זיין פאר זונטאג.

האפפקע: ווייל איהר זעהט אין אזא שעהנע נאכט ווי היינט חלום'ען מיר חלומות—קען איך זאגען חלומות?

פאגעלרייטער: יא, איהר קענט זאגען חלומית

האפפקע: דען מיר טהון דאס אלע עס מאכט נישט אוים צו מיר זענען יונג אדער אלט.

פאגעלרייטער: אה, יא, עס איז א שלעכטע אייגענשאפט וועלכע מיר האבען אלע!

האפפקע: און אין אונז ווערט דאן געבוירען אזא ווייטקייט אזא קלארזיכטיגקייט, אז עס דאכט זיך אונז, אז מיר וואלטען געקענט יעדע רעטעניס דעראטען, און אלע וואונדען פערהיילען, און מאכען פון אלע געמיינהייטען גוטעס און פון אלע בענקעניסען גליק. יא, אין וואס אי.

דאס דען, וואָס פעראורזאַכט אין אונז די אויפרודערונג—די פערלאנגען די ווינשע און—און—? דאס איז דאך אימערצו די גרויסע מאָס פון ליעבע וועלכע איז אין אונז איינגעפלאנצט, און פילט אויס אונזער לעבען.——און דאס איז אין קורצען דאס לעבען אליין. האב איך רעכט? און יעצט וועל איך מאַכען אַ שפרונג! אין די אויפענבארונג פון היילינגען יאָהאַנים שטעהט געשריבען: גאט איז ליעבע. יאָ, ווען גאט איז דיעזע ליעבע——און דאָס איז די שענסטע זאך אין אונזער רעליגיאן וואָס ס'איז צו געשריבען צו אונזער גאָט—ווי קען איך אין אזאַ אָבענד ווי היינט, ווען אונזערע הערצער זענען אזוי פול איהם פערבייגעהן? און דער פאר הער פאנעלרייטער, עס מאַכט נישט אויס, אויב איך בין גייסטליכער אדער נישט—די ווירדע מוז קומען פון הארצען, און נישט פון'ם מלבש—אין דאַרום קען איך אייך נישט מיט מיין בעסטען ווילען האלטען א היידנישע רעדע.

פאנעלרייטער: (דריקט איהם די האנד) דאס איז געוועהן שעהן געזאגט, פערצייהעט איך האב נאר געשפאסט.

ג ע א ר ג: ניין מייז ליעבער, אנהעל, נישט איז גאנצען. דאָ מוז איך דיך בעשיצען געגען זיך אליין. פון אזאַ פרומען מאן ווי דו ביסט, איז דאס נישט געוועהן אין גאנצען לייכטזיניג, וואָס די האסט פער־לאנגט פריהער צו הערען עפעס היידינישעס. און אזוי ווי דער הער הילפס־פרעדיגער ענטזאגט זיך, וועל איך האלטען די רעדע. דען איהר זעהט הער פרעדיגער, אַ פונק היידינישעס גלוטה נאך אין אונז אלע. ער קומט צו אונז פון אַלטע גערמאַנישע דורות, און האט איבערגעלעבט טאָזענדע יאהרהונדערט. און איינמאל פלאמט ער הויך אויף. און ער הייסט יאָהאַנים־פייער, איינמאהל אין יאהר איז אַ פרייע נאכט, יאָ, אַ פרייע נאַכט, דאַן רייטען די מכשפת אויף בעזעמשטעקענס, אויף די זעלבע שטעקענס, מיט וועלכע מען האט פון זיי דעם כישוף ארויסגעטריבען, הויך לאַכענדיג אין די וואלקענס נאָך בלאָקסבערג! און דאַן ערוואכען אין אונזערע הערצער, די ווילדע פערלאנגען, וואס דאס לעבען האט נישט ערפיעלט—און פערשטעהט מיך גוט—נישט געוואגט צו ערפיעלען. דען עס מאכט נישט אויס, ווי דאס געזעץ זאל נישט הייסען, וואס רעגירט היינטינגען טאג אויף דער וועלט. אום דער איינער פערלאנג זאל ווערען אַ ווירקליכקייט פון וועמענס נענאַדען מיר פערלענגערען אונזער דאזיין. מוזען טאָזענדע אנדערע צו גרונד געהן——

א טהייל פילייכט ווייל זיי זענען אונטרייכבאר. און די אנדערע, יא, די אנדערע ווייל מיר האבען זיי געלאזט ענטלויפען ווי ווילדע פייגעל. איבער וועלכע [מיט אַ בליק] אונזערע הענט האָבען זיך צו שפּעט צוזאמען געשלאָסען.—אָבער ווי עס זאל נישט זיין, איינמאהל אין יאהר, איז א פרייהע נאכט. און דאס פייער וואס ברענט דאָ. ווייסט איהר וואס דאס איז? דאס זענען געשפּענסטער פון אונזערע טויטע ווינשע. דאס זענען די רויטע פעדערס פון די גן-עדן פייגעל, וועלכע מיר וואלטען פילייכט בעדארפט צו ערנעהרען אונזער גאנץ לעבען לאנג. און זענען פון אונז אוועקגעפלויגען—דאָס איז דער אלטער חאָאָס — דאס איז דאס היידענטוהם אין אונז. און מעגען מיר זיין גליקליך אין זונען-שיין און געזעץ, היינט איז יאהאניס-נאכט. מיין גלאז געהערט אייער אלטע היידען-פייערס—היינט ביי נאכט זאלען זיי פלאמען אויף, און נאך העכער! אין נאך אמאָל העכער! — וויל קיינער מיט מיר נישט אנשטויסען?

(אַ שווייגען)

מאריקקע: (ציטרעטענדיג) איך וועל! (זיי קוקען זיך שטארק אין די אויגען אריין און שטויסען אן)

טרודע: (שנעל) איך אויך, געארג!

געאָרג: (גלעט איהר צערטליך פול מיט בעדויערונג) יא, יא, דו אויך.

פּאנעלרייטער: איהר — איהר בהמות וואס פערשטעהט איהר דערפון? איך — איך האב עס אויך אין גאנצען נישט פערשטאנען. אבער ס'איז זיכער געווען עפּעס זינדיגעס.

האפּפּקע: איך גלויב מיין ליעבער הער פאָן הארמזוויג, אז אויך איבער אייער היידענטוהם וואכט אונזער אַלטער גאט אין הימעל. און דערפאר קען איך גאנץ רוהיג מיט אייך אנשטויסען.

פּאנעלרייטער: נא, דאן וויל איך אויך נישט זיין קיין אויס־נאהמע (זיי שטויסען אָן. אין דרויסען זעהט זיך ווי עס פלאמט אויף אַ פייער אין דער נאהנט הינטער די בוימער; עס הערט זיך געשרייען און געלעכטערס.

פלעטס: (לויפט אריין) אך, גאט, זיי זענען יעצט נעבען די שטאלען!

פּאנעלרייטער: האב איך אייך נישט געזאגט, מענש, אז איהר זאלט אויפּפּאסען?

פלעטס: איך האב אויפגעפּאסט, הער פּאנעלרייטער, זיי האבען

נאר געהאט דריי דזשענאבץ-פעסלעך. וואו זיי האבען גענומען א פער־טען, ווייס איך נישט. איך דענק זיי האבען דאס געמוסט ארונטער־גנב'ענען פונ'ם שמיער־וואגען.

פאגעלרייטער: האט איהר דען נישט פערשלאסען דעם שמיער־וואגען?

פלעטס: אך! הער פאגעלריידער, יאהאנעס-נאכט, קען דאס קיין סך נישט העלפען. ווען זיי קריגען נאר א שפור פון עפעס צו פער־ברענען, קריכען זיי אונטער ד'רערד. ווען איהר זאלט זיי געבען היינט דאס בעסטע שטיקעל חזר וועלען זיי עס אויך ווארפען אויפ'ן פייער.

פאגעלרייטער: פערדמאכט אייער נארישען פיסק, און געהט דארט אכטונג געבען, איך וועל דארט באלד אויך זיין — נו, שנעל!

פלעטס: יא, הער פאגעלרייטער. [ער געהט שנעל אב]

פאגעלרייטער: אזא באלוואן! מען קען זיך אויף קיינעם ניט פערלאזען. מיין מיין! (מאריקקע גיט זי איהם)

טרודע: קענען מיר אויך מיטגעהן, פאפא'לע?—איך בעט דיך!

פאגעלרייטער. (צו זיין פרוי) ווילסט אויך מיטגעהן?

פרוי פויגעלרייטער: יא, געוויס. און איך בעט דיך זיעדעל זיי נישט, ס'איז היינט ביי נאכט קיין ווינט ניטא, און עס סטראשעט נישט מיט קיין געפאהר.

פאגעלרייטער: עס וועט גאר נישט אויסמאכען ווען מען וועט אויף זיי א ביסעל אנשרייען. קומט הער פרעדיגער

[טרודע, געארג, פאגעלרייטער און פרוי, פאגעלרייטער אב]

האפפקע: נו, און איהר נישט, פריילין היימבען?

מאריקקע: א דאנק, הער פרעדיגער, איך וועל נישט מיטגעהן.

האפפקע: דאן איז מיר ערלויבט מיט אייך דא אביסעל בלייבען?

שטימען פון דרויסען: הער פרעדיגער! הער פרעדיגער!

האפפקע: (ארויסשרייענדיג) איהר קענט געהן, איך קום באלד מיט!... נו, איז ערלויבט?

מאריקקע: פאר וואס נישט. ווען עס מאכט אייך נור פערגעניגען.

האפפקע: פערגעניגען איז קוים דאס ריכטיגע ווארט דער פאר, פריילין היימבען. יא, אבער וואס האב איך געוואלט זאגען: עס איז געוועהן זעהר פיין פון אייך וואס איהר האט זיך געווענדיט צו מיר

איך זאל אנשרייבען די כלה-פּאעמע. איך האָב עס געטהון מיט'ן גרעס־טען פערגנעניגען. געפעלט עס אייך?

מאריקקע: אָה, איך דאנק אייך זעהר שעהן!

האפּפּקע: קענט איהר עס שוין אויף אויסענווייניג?

מאריקקע: איך דענק אזוי.

האפּפּקע: ווילט איהר פיליייכט נישט דעקלאמירען פאר מיר. איך וועל אייך א ביסעל ארויסהעלפען „די בלומען זענען דער יונגפרויס פריידגענאסען"... נו? „זיי שלינגען זיך זאנפט —— דורך ——— איהר לעבענס גליק" נו, ווילט איהר עס נישט דעקלאמירען?

מאריקקע: ניין.

האפּפּקע: איהר זענט היינט, אזוי שטיל, פרייליין היימכען. קוועלט אייך עפּעס?

מאריקקע: די יאהאניס־נאכט, קוועלט מיך הער פּרעדיגער.

האפּפּקע: זי וועט באלד פערבייגעהן!

מאריקקע: אַך, ווען זי זאל שוין זיין פערביי!

האפּפּקע: איך מיין, אז אייך מוז שרעקען וואס איהר וועט בּעדארפען פאָהרען היינט ביינאַכט איינע אליין.

מאריקקע: (גלייכגילטיג) אַך...(בּעזינד זיך) נישט דאס אין גאַנ־צען, אבער מען קען זיך דאך נישט העלפען.

האפּפּקע: זאל איך מיט אייך מיטפאָהרען? איך קען זאגען דעם אלטעטשקען ———

מאריקקע: יא זאגט דעם אלטעטשקען זייט אזוי גוט ——— אז איך וואלט צו איהם געקומען יעדען טאג א ביסעל ווי ־ביז איצט, אבער פאר דער חתונה איז דאס פאר מיר אַן אומעגליכע זאך. וועט איהר עס איהם זאגען, יאָ! און זאגט איהם אויך אז איך קוס אין די געדאנקען זיינע הענט. וועט איהר איהם דאס זאגען, יאָ?

האפּפּקע: געוויס, געוויס.... און קען איך מיט אייך מיטפאָרען?

מאריקקע: ניין, ניין, הער פּרעדיגער, איך דאנק אייך זעהר.

האפּפּקע: לאָמיר ריידען גאנץ אָפען! איך האב אייך בּעאָב־אכטעט דעם גאנצען אבענד, איך בעאָבאַכטע אייך שוין פון לאנג. און איהר קומט מיר פאר ווי——ווי זאל איך עס זאגען? ווי א מייזעל פאר וועלבען עס זיצט די קאטץ. איהר דארפט א בעשיצער, היימכען, איהר דארפט איינעם פאר וועמען איהר זאלט אייך קענען פערטרויען.

מאריקקע: און איהר וואלט פיליכט געוואלט זיין דער פאטער, פאר וועמען איך זאל זיך מתודה זיין? הער פרעדיגער.

האפפקע: נו, איהר ווייסט דאך, אז אזא אינסטיטוציאן האבען מיר נישט, מיר עוואנגעליסטען האטש טהייל מאהל וואלט עס געוועהן איין אמת'ע ברכה.

מאריקקע: (מיט אן אונטערהאלטענדען געלעכטער) טהייל מאהל אויך נישט.

האפפקע: יאָ, דאס איז ריכטיג! דער מענש דארף זיך ערציהען זעלבסטשטענדיג, ער דארף אלעס טהון פאר זיך אליין.

מאריקקע: דאס טהו איך הער פרעדיגער!... דאס טהו איך.

האפפקע: און דאך ליעבע היימכען אך, פערצהייט מיין רופען אייך ליעבע היימכען, און דאך מוז איך רעדען|אפען. איך זעה אז איהר שרעקט אייך זעהר פאר ——

מאריקקע: פאר די קאטץ?

האפפקע: איך וואלט געוואונשען צו וויסען פאר וועמען!

מאריקקע: צום ביישפיעל, ווען איך וואלט געוועהן די קאטץ, וועהר וואלט דאן געוועהן די מויז?

האפפקע: דאס וואלט געוועהן פון אייך זעהר נישט ריכטיג

מאריקקע: אבער מען קען דאך נישט זיין די קאטץ און מויז צוזאמען אין דער זעלבער צייט?

האפפקע: (נאכדענקליך) יאָ, דאס קען מען, דאן אבער שפּיעלט מען מיט זיין אייגענעם אונטערגאנג.

מאריקקע: אויב מען געהט אונטער אדער נישט, וואס מאכט עס אויס?

האפפקע: היימכען, ליעבע היימכען, איהר בעדארפט אזוי נישט ריידען.

מאריקקע: יאָ, עס איז אונזין. ס'מאכט אָבער נישט אויס... היינט ביי נאכט איז דאך יאָהאנים-נאכט איהר זעהט—דאס פייער דארט, דאס האבען זיי אייסגעלאשען. אבער דא הינטען אויפ'ן בארג, זעהט נאָר, זעהט, —— אך ווי שעהן עס זעהט אויס — און ווי ווילד!—

האפפקע: און ווען איהר קוקט זיך גוט צו, זעהט איהר ס'איז נישט מעהר ווי א הויפען שמוציגע ברייטער.

מאריקקע: אך, שעמט אייך!

האפפקע: אזוי איז דאס מיט אלעמען. נישט יעדער זאך וואס שיינט איז דאך די זון.

מאריקקע: דאס האט איהר נישט בעדאפט צו זאגען. איך וויל עס נישט, איך וויל מיר נישט לאזען מיינע יאָהאַניס-פייערען פערשוועכען. איך וויל דערפון מיין פערגעניגען האבען. היינט נאך...... בלויז היינט — און דאן קיין מאהל מעהר.

האפפקע: (געריהרט) ליעבע היימכען, איך וויים נישט וואס אין אייך געהט פאר. און וויל עס אויך נישט וויסען —— אבער אין אייערע קעמפפע זאלט איהר וויסען אז איהר האט א פריינד לעבען אייך, אויף וועמען איהר קענט בויען יעצט, און אין דער צוקונפט. היימכען, איך וויים נישט ווי איך זאל זיך דאס אויסדריקען. איך וועל אייך טראגען אויף די הענט מיין גאנצעס לעבען. היימכען איהר וועט ביי מיר דער־הויבען ווערען...

מאריקקע: ווייסט איהר דען נישט, ווער איך בין?

האפפקע: איך וויים, איך וויים.

מאריקקע: און ווער מיין מוטער איז?

האפפקע: איך וויים אלעס.

מאריקקע: ווי זאל איך דען דאס אַנדערש פערשטעהן—אלס?

האפפקע: היימכען, איך וויים איך וואלט עס נאך נישט בעדארפט געווען רעדען—יעדענפאלס נאך נישט יעצט. איך וואלט בעדאַרפט געווען ווארטען פאר אַן אנדער צייט, עס איז געווען נאריש פון מיר, איך וויים. אבער איך האב זיך זעהר געשראקען, געשראקען צוליעב אייך. איך וויים נישט ווער עס וועט אייך היינט פריה אבוואר־טען אין קעניגסבערג אויפ'ן באנ־הויף...! איך וויל אבער אז איהר זאלט דאן וויסען ווי איהר געהערט, איהר זאלט דאן וויסען, ווער איהר זענט און וואס אייער צוקונפט איז.

מאריקקע: (ערלייכטערט כמעט זיפציגדיג) אה, אה, אה...

האפפקע: איך וויל נאך פון אייך קיין אנטווארט נישט. אויסער דעם מוז איך עס ערשט מיין פאטער שרייבען. האטש ער איז בלויז א בויער, בעדארף ער אבער זיך נישט פילען פערלאזען. היימכען!

מאריקקע: (ווייכט צוריק, טאנלאז) דאס איז פילייכט אויך וואס איך וואלט געברויכט!...אה אה! (זי לאזט זיך ארונטער אין א שטול)

האפפקע: וואס איז מיט אייך? איהר ווילט א גלאז וואסער? פילייכט א גלאז פונש?

מאריקקע: פונש! דארט פון דער פונש שיסעל! פונש!

(האפפקע דערלאנגט עס איהר)

מאריקקע: א דאנק (זי טרינקט) צו מיר האט נאך קיינער אזעלכע ווערטער נישט גערעדט.

האפפקע: איך וועל מיין הארץ פאר אייערע פיס לייגען

מאריקקע: אבער קיינער טאר עס נישט וויסען, בעפאר זייער חתונה.

האפפקע: אבער פילייכט אויף דער חתונה? ווערהענד אויף דער צערעמאניע זאל זיך אויפשטעלען דער פאפא און זאגען "מיר האבען נאך א שעהנע פארעל צווישען אונז. דאס וואלט זיך דאן זעהר גוט געפאסט, היימכען.

מאריקקע: ניין, ניין, אויף דער חתונה וועל איך האבען צו טהון זעהר א סך ארבייט.

האפפקע: אבער נאך דעם ווען די גליקליכע פארעל וועט שוין האבען אוועקגעגאנגען?

מאריקקע: (מיט א געוואלטזאמען בעשלוס) ווען זיי וועלען זיין א וועק —— דאן, יא.

האפפקע: (חאפט אן איהר האנד) איך דאנק אייך היימכען—— איך ——

מאריקקע: (ציהט צוריק איהר האנד) ששש!

(עס הערט זיך שטימען פון דרויסען.)

טרודע: (קומט אריין) אָה, איהר זענט גאר דא, הער פרעדיגער. מיר האבען אייך איבעראל ארומגעזוכט.

האפפקע: איך וועל באלד קומען, ליעבע פריילין.

טרודע: יעצט איז שוין צו שפעט, זיי קומען שוין אלע צוריק.

האפפקע: ס'קען נישט זיין! ווי די צייט לויפט, אז מען ווייסט אליין נישט. (אב)

מאריקקע: (אומארימט זי פערלעגען) ביסט אויף מיר נישט ברוגז טהייערע?

טרודע: (שרעקענדיג) איך האב נישט פאר וואס אויף דיר ברוגז צו זיין!

מאריקקע: ווארום זאגסטו דאס?—איך האב דאס אלעס געטהון—אלעס האב איך געטהון און יעצט מוזטו מיר —

(פאגעלרייטער, פרוי פאגעלרייטער, האפפקע, געארג קומען אריין)

פאגעלרייטער: יא, מיין ליעבער הער פרעדיגער, די צייט שטעהט נישט פאר קיינעם. דערפאר טרינקט בעסער א גלאז פונש און הערט זיך אויף אזוי פיעל מאהל צו ענטשולדיגען, ס'וועט שוין זיין אלעס גוט.

האפפקע: איך דענק איך וועל בעסער זאגען א "גוטע נאכט" וויל יעדער איינער שפאסט דא מיט מיר.

פאגעלרייטער: ניין, ניין, מיר האבען אייך אלע ליעב.

האפפקע: און מיינט איהר אז איך פיעל עס נישט? און שעץ עס נישט? ווען איך וואלט דאס נישט אזוי געפיעלט, וואלט איך אייך שוין לאנג געצייגט די ציינער.

פאגעלרייטער: אנו, צייגט זיי נאר.

האפפקע: (מיט א גליקליכען בליק אויף מאריקקע'ן) ניט איך!— נו, גוטע נאכט.

(ער גיט אלעמען די האנד)

פאגעלרייטער: (פאר זיך) יא, יא!

האפפקע: גוטע נאכט, פריילין היימכען.

מאריקקע: א גוטע נאכט, הער פרעדיגער, (זיי גיבען זיך די הענט)

פאגעלרייטער: (צו געארג'ן וועלכער איז יעצט פערטיעפט אין געדאנקען, און קומט א צוויי שריט נעהנטער) בעגלייט איהם ארויס געארג!

געארג: (ווי ערוואכט) יא, אנקעל. (האפפקע געארג, אב)

פרוי פאגעלרייטער: נא, היינריך, אלעס איז שוין שטיל געווארען.

פאגעלרייטער: אה! ס'איז שוין אויך צייט, אלטע... ס'איז שוין נאך עלף... נא, מען דארף שוין געהן שלאפען, אריין אין בעט.

טרודע: א גוטע נאכט פאפא'לע.

פאגעלרייטער: א גוטע נאכט טהייערענקע! (צערטליך) מיין טהייער—טהייער קינד!

מאריקקע: א גוטע נאכט.

פאגעלרייטער: יא, ריכטיג!—ווען קומסטו צוריק?

מאריקקע: מארגען אָבענד ארום צעהן אַ זייגער. פאפא'לע.

פאגעלרייטער: זאלסט זיין פארזיכטיג—דו הערסט! זוך דארט קיין אוניציגע ארביטען, מיר וועלען נאך האבען גענוג ארבייט דעם טאג פון דער חתונה.

מאריקקע: ניין, ניין.

פאגעלרייטער: קוס! (זי גיט איהם אַ קוס)

געארג. (וועלכער איז יעצט אריינגעקומען) מיר האבען נאָך פינף פערטיל שעה צייט. איך וועל דא זיצען אין ווארטען אויף דיר היימכען.

פרוי פאגעלרייטער: איהר קענט אייך דאך ביידע האלטען געזעלשאפט קינדער. דאן וועט דאך אייך די צייט נישט זיין אזוי לאנג.

טרודע: אך, איך אויך—יאָ?

פאגעלרייטער: ניין, ניין, מיין טהייערע דו געה שלאפען. דו דארפסט זיך אויסרוהען.

טרודע: (אנגעכמורעט) נא, אויב אזוי—אַ גוטע נאכט.

מאריקקע. (אין אַ שטילע שרעק) איך קען נאך הינטען—נישט בלייבען. איך האב נאך צו רעדען עפעס מיט דיר, מאמא'לע.

געארג: דאן וועסטו ארונטערקומען, ווען דו וועסט דארפען נעהן צום באהן.

מאריקקע: יא. דאן וועל איך ארונטערקומען.

פרוי פאגעלרייטער: אַ גוטע נאכט, געארג.

געארג: גוטע נאכט טאנטע.

(פרוי פאגעלרייטער, מאריקקע, טרודע געהן אב)

פאגעלרייטער: וואו די ציגארען שטעהן ווייסטו דאך?

געארג: יא.

פאגעלרייטער: און ווען עס וועט זיך דיר פערגלוסטען נאך עפעס א זאך וואס ס'זאל דיך האלטען וואך, האב איך דא איבער־געלאזט די שליסעל.

געארג: אַ דאנק!

פאגעלרייטער: זאג נור מיין זוהן' דארף טאקע צווישען אונז הערשען אזא טאָן?

געארג: וואָס פאר א טאָן, טהייערער אנקעל? אויב איך האב דיך נישט רעספעקטירט ווי עס געהער צו זיין, דאן פערצייהע מיר.

פאגעלרייטער: אך, רעספעקט! קענסטו געהן און זיך אויס שמירען דיינע שטיוועל מיט דיין רעספעקט. איך פייף דעראויף— אויף דיין פערפלוכטען רעספעקט.

געארג: נא, וואס דען? אנדערש?

פאגעלרייטער: זעה נור, פילייכט האב איך עפּעס אָן אונרעכט געגען דיר בעגאנגען, ס'קען זיך מאכען.

געארג: אונרעכט? דו? ווי אזוי דען?

פאגעלרייטער: זאג נאר, איז דיין קאפּ א קלעצעל? האסטו פערגעסען וואס עס איז פארגעקומען צווישען אונז נעכטען?

געארג: אך, ליעבער אנקעל, איך האב דאס שוין לאנג פערגעסען.

פאגעלרייטער: איך מוז זאגען אז דו לעבסט זעהר אין איילעניש.

געארג: יעדענפאלס לאז זיך דעריבער קיין גראָהע האָר נישט ווערען. אם ענדע וועט די זאך שוין אויסקומען גוט—מיר וועלען שוין... (ער גיט זיך א כאַפּ אויף און הערט זיך צו צו דער דרויסען טהיר).

פאגעלרייטער: וואס איז?

געארג: מיר האט זיך אויסגעדאכט, איך הער עמעצען.

פאגעלרייטער: פילייכט עמעץ פון הויז אויווען... נא, הייסט דאס אלעס איז אין בעסטען ארדינונג, דאן א גוטע נאכט מיין זוהן.

געארג: א גוטע נאכט, אנקעל!

פאגעלרייטער: (געהט אפּ טרעסלענדיג מיט'ן קאפּ) הם!

געארג: (זעצט זיך ביים טיש און פערזוכט עפּעס צו לעזען. דאן דערהערט ער עפּיס, געהט צו צו דער מיטעל-טיהר און רופט ארויס אין גארטען) ווער איז דארט? (שטילער) ביסטו עס, מאריקקע?

טרודע'ס שטימע: (טרויעריג) ניין, איך בין עס.

געארג: טרודע! וואס טוהסו יעצט דאָ?

טרודע: (קומט לאנגזאם אריין. די האָר צולאָזען און אונגעטאהן אין אַ נאכט־יאקע) איך בין געווען זעהר אונרוהיג, טהייערער געארג! האב איך געוואלט ארונטערגעהן און דיך נאך זעהן איידער איך געה שלאפען

געארג: אבער קינד, ווען דער פאפא זאל דיך אזוי זעהן!— שנעל, געה צוריק אין דיין צימער.

טרודע: איך קען נישט, מיר איז זעהר שווער אויפ'ן הארצען.

געארג: ווארום דען?

טרודע: גנעאָרג, ווייסטו וואס? איך גלויב אז איך בין נישט גוט גענוג פאר דיר.

געאָרג: וואס? וואס איז דאס פאר אַ נייער אונזין?

טרודע: איך בין צו נאַריש. איך ווייס נישט וואס איך זאל מיט דיר רעדען. איך בין צו נאַריש.

געארג: ווארום קינד, מיין טהייערע — מיין ליעבע!

טרודע: פריהער ווען מיר זענען געווען אין גאַרטען — האט די לבנה אזוי שעהן געשיינט. און דו האסט צו מיר קיין ווארט נישט ארויסגערעדט.

געארג: די מאַמאַ איז דאך געווען דערביי.

טרודע: נו, וואס?... געארג, נאך איז צייט..... אויב דו האסט ליעב אַן אנדערע ——

געארג: אום גאָטעס ווילען — האסטו עס שוין פאר אימעצען געזאגט?

טרודע: נאר פאר'ן פאפא'ן. ער איז אבער געווען שרעקליך אין בעס אויף מיר. און האט געזאגט אז איך בין אייפערזיכטיג.

געארג: (לאכענדיג) חם, הם...... און יעצט וועל איך דיר עפעס זאגען מיין טהייערע.

טרודע: אבער איידער איך זאל דיך אומגליקליך מאכען, וועל איך זיך בעסער ווארפען אין וואסער.

געארג: ערשטענס: דאס וואס דו געהסט איצט אין דער נאכט־יאקע, איז נישט שעהן.

טרודע: אבער מיר וועלען דאך שוין חתונה האבען אין דריי טעג ארום

געארג: טאקע דערפאר!... (גלעטענדיג איהר פאר די האָר) וואס פאר אַ שעהנע האָר דו האסט!

טרודע: (גליקליך) יאָ—געפעהלען זיי דיר?

געארג: און צווייטענס: איך וועל קיין אנדערע נישט נעמען. און דו דארפסט זיך נישט ווארפען אין וואסער. מיר וועלען זיך זעהר ליעב האבען. צו ערשט וועסטו זיין מיין שפיעל קאמעראד, און נאכהער פילייכט אויך מיין ווירקליכער קאמעראד. ביזטו צופרידען?

טרודע: יא.

געארג: און יעצט געה אין בעט.

טרודע: אויב אזוי׳ וועל איך זיך איינוויקלען אין מיינע האָר און איך וועל חלומ׳ען פון דיר. און פון אלע שעהנע ווערטער—וואס די האסט מיר געזאגט, און דערביי אזוי לאנגזאם איינשלאפען... אַ גוטע נאכט.

געארג: אַ גוטע נאכט. (ער גיט איהר אַ קוס אויפ׳ען שטערן. זי געהט אַב. דאן זעצט ער זיך מיט אַ זיפץ צוריק אויף זיין פלאץ, גראבט איין דאס געזיכט אין זיינע הענט און קוקט פאר זיך, מאריקקע קומט שטיל אריין)

געארג: היימכען! היימכען! ביזט שוין ארונטערגעקומען——

מאריקקע: עס מוז נאך זיין פריה, נישט וואָהר?

געארג: נאך אַ שעה——אונגעפעהר... שלאפען שוין אלע?

מאריקקע: יא, אלע ליכט אין הויז זענען שוין אויסגעלאשען.

געארג. נא, קום אהער קענסט זיך דא זעצען.

מאריקקע: איך—איך וויים נישט———איך דענק איך וועל צוריק ארויפגעהן.

געארג: קום, קום. דו קענסט דאך דא עפעס לעזען. איך לעז אויך, דו זעהסט.

מאריקקע: נו, גוט. (זעצט זיך) אבער געארג! איך וואלט ליבערשט אליין געוואלט געהן צום באַן-הויף.

געארג: (צערטליך) היימכען! (זי מאכט צו די אויגען) דו ביסט מיעד? (זי טרעסעלט איהר קאפ אויף ניין) איין גאנצע לעבענסשטונדע וועל איך דיך האבען פאר זיך אליין.

מאריקקע: דאס איז א גרויסע זאך צו האבען.

געארג: יא, ס׳איז.

מאריקקע: די יאהאניס-פייערען מוזען שוין זיין אלע אויס?

געארג: אָה, יא. אזא הייפאלע האָלץ ברענט שנעל ארונטער.

מאריקקע: און דאן איז אלעס ווידער ווי געוועהן!! אבער געארג! אך ווי שעהן דו האסט גערעט היינט ביי נאכט! איך האב נאך קיין מענשען נישט געהערט אזוי רעדען.

געארג: און דו ביסט געוועזן די איינציגע וועלכע האט עס פערשטאנען.

מאריקקע: דאס איז קיין וואונדער נישט. ס׳האט זיך מיר אויס-געדאכט ווי איך אליין רעד דאס. דאס הייסט איך וויל נישט זאגען—

געארג: וואס ווילסטו נישט זאגען?

נ ע א ר ג: וואס ווילסטו נישט זאגען?

מאריקקע: אך, דו ווייסט שוין.

נ ע א ר ג: איך ווייס גאר נישט.

מ א ר י ק ק ע: (נאך אַ שווייגען) נעארג, איך וויל דיר עטוואס פערטרויען... און דערפאר אייגענטליך בין איך ארונטערגעקומען... דו זאלסט עס וויסען—נור דו אליין... איך האב מיך היינט פערלאָהבט, נעארג.

נ ע א ר ג: הייסבעז!

מ א ר י ק ק ע: נו, יאָ.

נ ע א ר ג: מיט — — ?

מ א ר י ק ק ע: מיט דעם הילפס-פרעדיגער...מיט וועמען דען. ווייטער איז דאך דאָ קיינער נישטאָ. אדער פילייכט מיינסטו מיט פלעטכ׳ען?

נעארג: ווארום האסטו דאס געטהון?

מ א ר י ק ק ע: מען האט דאך א גאנץ לעבען פאר זיך, נעארג. די יאאהנים-פייערען קענען דאך אימער צו נישט ברענען. ——

נ ע א ר ג: דאס האסטו נישט בעדארפט טוהן. דאס איז—דאס איז איינפאך ——

מ א ר י ק ק ע: שריי דאך נישט אזוי!

נ ע א ר ג: דו ליעבסט איהם דאך גאר נישט!

מ א ר י ק ק ע: דאס קענסטו דאך נישט וויסען.

נעארג: אזוי? — נו, יאָ .. ס׳קען זיין. פערצייהע, איך קען נישט וויסען דיינע געהיימניסע. נו, אלזא, איך גראטאליר דיר ——

מ א ר י ק ק ע: און איך דאנק דיר.

נ ע א ר ג: אבער ווארום האסטו דאס מיר געזאגט דעם ערשטען? ווארום נישט דעם אנקעל, אדער... איך שטעה דאך דיר גארנישט אזוי נאהנט...

מ א ר י ק ק ע: ניין, מיר שטעהן ווירקליך נישט נאהנט איינס צום אנדערען— איך האב נור געדענקט —

נעארג: נא, יעצט אבער האט זיך יעדער פון אונז זיין גליק, דו האסט זיך דיין גליק און איך האב זיך מיינס. איינס פון דאס אנדערע פערלאנגען מיר מעהר גאר נישט. דערפאר קענען מיר יעצט ריידען גאנץ רוהיג פון דער פערגאנגענהייט. דו האסט געלעזען מיין טאגע-בוך, און

האסט זאגאר דערביי פאלש געשוואוירן. אך, ביי דיר איז אזא זאך א קלייניגקייט. איך ווינש איך וואלט אזוי קענען זיין... צו וועמען מיינע פערזען זענען געווען געריכטעט דאס ווייסטו אויך. די אונשולדיגע קע־נען מיר שוין יעצט מעהר נישט שפּיעלען. דערפאר זאג מיר גאנץ אפען: ווארום ביסטו געווען אין יענער צייט אזוי נידערטרעכטיג צו מיר?...

מאריקקע: בין איך דאס ווירקליך געווען געארג?

געארג: נא, איך וועל דיר נישט אויפמישען יעדע זינד וואס דו ביסט בעגאנגען געגען מיר. אבער עס האט אויסגעוויזען ווי דו וואלסט זיך גאר פערלייגט מיך משוגע צו מאכען. ערונירסטו זיך נאך אין א טאג ווען איך בין דיר נאכגעגאנגען אין מילך-קעלער, און ווי דו האסט זיך ארויסגעדרייהט. און האסט מיך געהאלטען דארט פערשלא־סען די גאנצע נאכט? —געדענקסטו עס?

מאריקקע: (לאכענדיג) יא, איך געדענק דאס.

געארג: ווארום האסטו עס געטהון?

מאריקקע: דאס איז דאך גאנץ איינפאך. דו ביסט דער הער פון הארטוויג, און איך א ליטווישעס פינדעל-קינד — פיליייכט נאך ערגער ווי דאס. — און ווען אזא איינער ווי דו לויפט נאך אין קעלער אזעלכע ווי איך בין, דאן ווייסט דזי דאך אנגעפעהר, אדער גלויבט וויניגסטענס, אז זי ווייס, וואס דו ווילסט פון איהר.

געארג: אלזא, דאס איז געווען די אורזאכע. און אין דער זעלבער צייט ביסטו געגאנגען אונטערען גיפט-בוים און געוואלט אטארבען?

מאריקקע: (טרעסעלט צו מיט'ן קאפּ)

געארג: און דו האסט קיינמאהל נישט פערשטאנען אז דאס קען אויך זיין עפּעס אנדערש? טרודע איז נאך דאמאלס געוועהן א קינד — און ווייל איך האב דיך נישט געקענט קריגען האב איך נאכ־הער גענומען טרודען. איז דיר דאס קיינמאל נישט איינגעפאלען?

מאריקקע: ווי האב איך גאר געקענט וואגען צו דענקען וועגען אזא זאך?

געארג: קיינמאל נישט? —

מאריקקע: פארגעסטערען — ווען איך האב געלעזען דאס העפט האב איך עס צום ערשטען מאהל איבערגעדענקט.

געארג: יא, יעצט איז שוין צו שפעט.

מאריקקע: יא, נאטירליך יעצט איז שוין צו שפעט... אך, ווען איך וואלט דאמאלס געוועהן אזוי ווי איך בין היינט. וואלט איך זיך אפילו נישט געוועהרט.

גנעארג: היימכען, ווייסטו וואס דו זאגסט?

מאריקקע: אך, גנעארג, עס איז גאנץ עגאל. יעדער איינער האט זיין בעשטימונג. דו מוזט הערשען, איך מוז דיענען, און שטארבען מוזען מיר ביידע.

גנעארג. געליעבט מוזטו ווערען — שטארק — שטארק — געליעבט מיט אלע חושים — מיט דער גאנצער זעעלע!

מאריקקע: (ווייזט נאך רעכטס) ער ליעבט מיך.

גנעארג: אך, דער!

מאריקקע: זיי נישט אין כעס, גנעארג. דו אליין דארפסט דאך מיך נישט ליעבען. צווישען אונז ביידע קען דאך מעהר גארנישט זיין.

גנעארג: ניין. קיינמאהל נישט. געגען דעם הויז טאר קיין פער־ברעכען נישט בעגאנגען ווערען. נישט פון מיר, און אויך נישט פון דיר. מיר וואלטען ביידע דערשטיקט געווארען פון דער שאנדע — — אבער מיר קענען דאך דענקען וואס עס וואלט געוועהן... דאס איז דאך נישט קיין פערברעכען, הא?

מאריקקע: ווי האסטו געזאגט? די ווילדע פייגעל וועלכע מיר האבען געלאזט אוועקפליען, ווייל אונזערע הענד האבען זיך איבער זיי — ווי האסטו געזאגט? דאס איז געוועהן אזוי שעהן...

גנעארג: איך געדענק שוין נישט...

מאריקקע: אבער איך בין נישט קיין ווילדער פויגעל. איך בין פאלגזאם, גאנץ פאלגזאם...

גנעארג: היימכען, מיין ליעבע, טהייערע, היימכען, (ער גלעט ליידענשאפטליך איהרע האאר דאן כאפט ער זיך צוריק) ניין, ניין, איך וויל דיך ליעבערשט נישט אנריהרען. טרודע, איז ערשט פריהער ארומגע־גאנגען שטילערהייט אין גארטען, און ווען זי זאל יעצט ווידער ארונטער־קומען — מיין גאט —

מאריקקע: וואס האט זי געוואלט?

גנעארג: וואס זאל זי וועלען?

מאריקקע: דאס ארימע, ליעבע, ליעבע קינד! ועסטו זי אויך ליעב האבעי, גנעארג?

געארג: איך וועל איהר ליעב האבען אזוי פיעל, וויפיעל איך וועל נאר קענען —— אבער דאן טאר איך נישט דענקען פון דיר.

מאריקקע: דו זאלסט אויך פון מיר נישט דענקען, טהייערער געארג, און איך וועל אויך נישט דענקען פון דיר!

געארג: קיין מאָל נישט?

מאריקקע: נאר מאנכע מאָל — אין א יום-טוב טאג —

געארג: נור דאן?

מאריקקע: און יאהאנים נאכט.

געארג: ווען די פייערען ווענלען ברענען — הא?

מאריקקע: יאָ און ווען די פייערען וועלען אויסגעהן, דאן וועל איך א ביסעל וויינען.

געארג: היימכען!

מאריקקע: ניין, ניין, געארג, זעץ דיך דארט, און איך וועל זיצען דא. ס'קען נאך פיליכט אימיצער זיין אין גארטען.

געארג: אך, זיי שלאפען שוין אלע.

מאריקקע: אפילו יאָ! מיר מוזען זיך האלטען פיין. מיך ארט דאס נישט, אבער פון דיינעטוועגען.

געארג: היימכען, ווארום זאגסטו דאס? פיר וואס פאר איינעם האלסטו מיך?

מאריקקע: פאר א הארטהערציגען.

געארג: און דאך האסטו מיך ליעב.

מאריקקע: גראדע דערפאר האב איך דיך ליעב — ווייל דו האסט בעדארפט קעמפפען מיט'ן לעבען און דאס האט דיך אזוי גע־מאכט. איך האב אויך געקעמפט, אבער איך האב פערלוירען דעם גלויבען צו זיך אליין, און צו אלעם — אך, ווען דו זאלסט נור וויסען!! איך דערשרעק זיך מאנכע מאל פאר זיך אליין. מאנכע מאהל וואלט איך געקענט מארדען אזוי אונרוהיג פיעל איך זיך.

געארג: ביי מיר וואלסטו געקענט ווערען רוהיג.

מאריקקע: אך!

געארג: מיר וואלטען געארבייט צו זאמען, געשפינען פלענער דורך דער גאנצער נאכט, איך בין זעהר עהרגייציג מוסטו וויסען.

מאריקקע: און אזוי איך אויך —— איך אויך! דו וואלסט געוועהן דער ערשטער און דער גרעסטער, און אלע וואלטען זיך געבוינע

פאר דיר, און איך וואלט פאר דיר געקניעט און געזאגט: דו האסט ליעב צו הערשען, נו הערש, וואלט איך געזאגט, נו הערש! (זי פאלט פאר איהם, כאפט ארום זיין קניע און קוקט צו איהם ארויף אין געזיכט אריין)

גערג: שטעה אויף, אום גאטעס ווילען, שטעה אויף, עס הערט זיך אימיצער אין גארטען.

מאריקקע: (אויפשטעהנדיג) זאל זיין ווער עס וויל.

גערג: הייסבען!

מאריקקע: יא, דו האסט רעכט עס איז געוועהן נידריג פון מיר... אבער ווער עס שטאמט פון וואנען איך שטאם דער איז אזוי.

גערג: לאז, רעד נישט דערפון. דענק בלויז פון דעם הויז, און די ליעבע וואס דו האסט דא געקריגען.

מאריקקע: אלעס איז אזוי שטיל דא אין הויז. מען הערט קיין שארך אויף דער גאנצער וועלט. אלעס איז אזוי שטיל ווי אין א קבר.

גערג: זיי צופרידען. דאן האבען זיי אונז ביידען בעגראבען.

מאריקקע: אך, ווען זיי וואלטען נור!

גערג: און זעה ווי די לבנה שטעהט דארט איבער'ן גארטען. דא איז אויך דיין מאנצאנילא-בוים.

מאריקקע: יא, זעהסטו איהם?

גערג: דא — דא! און די ווייסע בלעטער וועלכע ער האט. אלעס איז אזוי לעבעדיג האטש קיין ווינט איז נישטא... קום — זאלען מיר ארויסגעהן?

מאריקקע: (שווידערט) אך, ניין! איך גלויב עס איז שוין צייט— מיר מוזען —

גערג: ש-ש-ש-ש!

מאריקקע: וואס איז?

גערג: עס האט זיך עפעס געריהרט דארט... דאס איז ווידער טרודע! (רופט) טרודע!

מאריקקע: האסט אויך קיין טעות נישט?

גערג: ניין, ניין, איך האב איינעם געזעהן אין שאטען...טרודע! בלייב דא א ווייל! (ער געהט ארויס אין גארטען)

מאריקקע: גערג, טהייערער גערג!... איך שרעק זיך אזוי — גערג!

(גערג קעהרט זיך נאך א ווייל צעשטרייט צוריק)

מאריקקע: ווער איז דאס געוועהן? געארג ווער איז דאס געוועהן?

געארג: קיינער נישט — קיינער....

מאריקקע: דאך — איך דערקען אין דיר — איז דאס טרודע געוועהן?

געארג: ניין.

מאריקקע: דאן האט עס געמוזט זיין דער פאפא.

געארג: ניין — ניין.

מאריקקע: געארג, דו ביסט טויט־בלאס וואס איז געשעהן! זאג מיר דאך.

געארג: גאר נישט איז געשעהן... א פרעמדער איז ארום־געקראכען אין גארטען, און איך האב איהם ארויסגעשיקט.

מאריקקע: וואס פאר א פרעמדער איז דאס געוועהן?

געארג: (געקוועלט)-אך,פרעג נישט.

מאריקקע: (טאָגלאָז) אך, אזוי — יעצט וויס איך. ס'איז געוועהן מיין מוטער. יא, יא – איך זעה עס אָן דיר.

געארג: ווען דו זאגסט עס שוין אליין.

מאריקקע: וואס האט זי געוואלט? אבער צו וואס דארף איך נאך פיעל פרעגען!! (זי פערהילט איהר געזיכט מיט איהרע הענט) אָ, גאָטט, אָ, גאָטט, אָ, גאָטט!

געארג: הערצכען!

מאריקקע: מאך צו די לאדען. איך שרעק זיך... גאנץ פעסט. און דארט אויך אזוי!

געארג: (נעמט זי ארום) הערצכען — ליעבע ——

מאריקקע: אט אזוי האלט מיך פעסט ——

געארג: איז גוט אזוי?

מאריקקע: יא, יאָ, אזוי איז גוט! (זי דריקט זיך צו צו איהם) איך וועל אזוי זיצען גאנץ שטיל. (ער קושט איהר)

געארג: ווען מיר זאלען נור נישט פערשפעטעגען דעם צוג......

(ער וויל ארויסנעהמען זיין זייגערעל —— טוהט זיך א כאַפּ) דו הערסט? (פון דערווייט הערט זיך דאס פייפען פון אַ לאָקאָמאָטיוו.)

מאריקקע: (לאכענדיג זאָנפט) איך הער, איך הער!

געארג: איז דאס געוועהן דער צוג?

מ א ר י ק ק ע. יא דאס איז געוועהן דער צוג.

נ ע א ר ג: קען מען איהם הערען ביז אַ הער?

מ א ר י ק ק ע: אין דער נאכט קען מען איהם הערען.

נ ע א ר ג: מיין גאט, וואס וועלען מיר יעצט טהון?

מ א ר י ק ק ע: (זאנפט) דאס וועל איך דיר זאגען: מיר וועלען דאָ בלייבען גאנץ שטיל, גאנץ שטיל. ביז דער צווייטער צוג וועט קומען. ער קומט זייגער פיער.

נ ע א ר ג: היימבען — מיין ליעבע — מיין אלעס. (ער קושט איהר)

מ א ר י ק ק ע: אך, קוש מיך נאך אמאהל! נו, יעצט זעהסטו ווער איך בין? דו זעהסט, איך האב גאר נישט צו פערלירען. איך קען טהון וואס איך וויל. היינט איז יאהאנים־נאכט.

נ ע א ר ג: די פייערען זענען ארונטערגעברענט

מ א ר י ק ק ע: ניין, איך וויל זיי זאלען ברענען!

נ ע א ר ג: יא, זיי זאלען ברענען. טויזענד מאהל יא, יא!

מ א ר י ק ק ע: דו! קוש מיך נישט! איך וועל דיך קושען. איך וועל אלעס אויף זיך נעמען. מיין מוטער גנב'עט. איך גנב'ע אויך!... נעארג!

(פ א ר ה א נ ג)

פיערטער אקט.

(די זעלבע סצענעריע. ס'איז מארגען. דער מיטעל־טיש איז בעדעקט מיט בלומען און געשאנקען. ווען דער פארהאנג הייבט זיך אויף, זעהט מען דורך די גלאז־טהירען ווי פאָגעלרייטער, גערג, טרודע, שטעהן אויף דער טעראזע. פרוי פאגעלרייטער שטעהט ביי דער אופענער טהיר. אלע הערען זיך איין צו איין אונזיכטבארען מענער־כאָר וועלכער זינגט ״דאס איז דער טאג פון אונזער גאט,, די מאמזעל טרעהט ווהערענד דער צייט אריין פון לינקס. הערט זיך אויך איין, און ווישט זיך די טרערען פון די אויגען. ווען דאס געזאנג ענדיגט זיך, פאנגט פאגעלרייטער אָן אַ געשפרעך מיט געארג'ען, און טרודע'ן, און זיי געהן אזוי לאנגזאם ארונטער פון דער טעראזע אין גארטען.

מאמזעל: אך, ליעבע, פרוי פאגעלרייטער, קען איך מיט אייך רעדען א פאָאר ווערטער?

פרוי פאגעלרייטער: (ווישט זיך די אויגען) וועגען וואס מאמזעל?

מאמזעל: וויינט זיך ערשט אויס. איך וויין אויך.

(עס הערט זיך אַ שטילעס קלינגען פון אַ קירכען־גלאק)

פרוי פאגעלרייטער: און יעצט פאנגען נאך אָן די קירכען גלע־קער — האט איהר אָנגעגרייט גענוג ווין אין חלה אין גארטען?

מאמזעל: אך, גאט,!איך און היימכען האבען דארט אָנגעלעגט גאנצע בערג.

פרוי פאנעלרייטער: און וואס ווילט איהר יעצט, מאמזעל?

מאמזעל: אך גאט, בלויז וועגען דער קיך. זאלען מיר יעצט שטעלען דעם בראטען אין אויווען, און נאכהער צו־ווארעמען? היימכען דענקט ——

פרוי פאגעלרייטער: לאזט נור, — איך געה שוין.

מאמזעל: און יעצט נאך איינס: ליעבע, גוטע, פרוי פאגעל־רייטער, שיקט דאס קינד, היימכען מיין איך, אביסעל זיך אויסרוהען. פון צוויי א זייגער אָן שטעהט זי אויף די פיעס. פארינע נאכט איז זי געוועהן אין קעניגסבערג. קיין פערד קען דאך דאס נישט אויסהאלטען.

פרוי פאגעלרייטער: אבער אין אזא טאג ווי היינט, ווען די חתונה איז, מוזען מיר אלע אביסעל צוארבייטען.

מאמזעל: נו, איך און איהר, מיר זענען שוין א פאָאר אלטע מענשעי, מיר טויגען שוין זא־ווי־זא צו גארנישט. אבער די יונגע מוזען

מיר א ביסעל שאנעווען. זי גענעצט דארט, ס'איז א רחמנות צו קוקען.

פרוי פאגעלרייטער: אָט געה איך שוין מיט אייך, און מיר וועלען זעהן.

מאמזעל: אַך, די ריהרונג! (ווישט זיך די אויגען) איך זאג אייך...
(ביידע אב דורך לינקס)

(פאגעלרייטער, געארג, טרודע, קומען אריין דורך דער מיט)

פאגעלרייטער: נו, ענדליך זענען מיר שוין פארטיג מיט'ן היינטיגען אין־דער־פריה. לאמיר נור זעהן: ערשט דער קריעגער פעראיין, דאַן דער געמינאסטיק פעראיין, דאַן דער יונג־פרוי פעראיין, ס'איז נאך א גליק וואס דער געמינאסטיק האט זיך נישט פערמישט מיט דער יונג־פרוי פעראיין, אַז נישט וואָלטען מיר נאך געמוזט נעבסטען יאהר בעגריסען א זווילינג פעראיין.

טרודע: אָבער פּאפּא'לע!

פאגעלרייטער: נו, נו, נישט געפעהרליך. איהר זענט דאך שוין אזוי גוט ווי פערהייראטה. ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען טהייערע. גיעב מיר א טרינק בראנפען. מיר איז עפעס זויער אין מויל.

טרודע: יאָ, פּאפּא'לע! (זי געהט שנעל צו צום שראַנק און דער־לאנגט איהם)

פאגעלרייטער: (צו געארג'ען) נו, און וואס איז מיט דיר? דו שווימסט נאך אלץ ארום אין דיינע פאנטאזיען — וואס?

געארג: (מיט א זיפץ) יאָ.

פאגעלרייטער: (איהם נאכקרימענדיג) יאָ. — גאַנץ קלאָר קען איך פון דיר נישט ווערען. עפעס איז נאך —(טרודע ברענגט יעצט די גלעזלעך) נו, ווילסט א טרינק בראנפען?

געארג: ניין, א דאַנק.

פאגעלרייטער: נו, איז נישט. צו געזונד, טהייערענקע.

טרודע: טרינק געזונד פּאפּא'לע.

פאגעלרייטער: (הויבט זיך אויף) און האלב צעהן וועלען מיר פאהרען — פערשטעהסט?

געארג: יאָ.

פאגעלרייטער: און דיין פריינד פון קעניגסבערג וועלען מיר געפונען אויפ'ן בהאן־הויף?

געארג: יאָ, ער וועט קומען פופצען מינוט צו צעהן.

פאגעלרייטער: פערשטעהסט מיר מוזען דאך האבען עדות פוןביידע צדדים. ווייסטו וואס איך וואלט געוואלט ? (קלאפענדיג איהם אויף דער ברוסט) איך וואלט געוואלט דא אינוויינינ אריינקוקען.

טרודע: לאז איהם צו־רוה, פאפא'לע, ער איז יעצט מיין געארג, און ווען איך בין מיט איהם צופרידען...

פאגעלרייטער: יא, יא, האסט רעכט. ווער עס קריעגט מיין טאכטער, קען לאבען. און ער זאל אויך לאבען — פערשטעהסט ? (אב דורך רעכטס)

טרודע: דארפסט נישט לאבען, געארג, ווען דו ווילסט נישט. פין מיינעט וועגען נישט. הערסט ווי די גלעקער קלינגען ? גאנץ שטיל, אזוי ווי מענשען וואלטען געזינגען. דאס איז פאר אונז.

געארג: ווארום פאר אונז ?

טרודע: דער אלטעטשקער, האט זיי געלאזט עקסטרא קלינגען פאר אונז, האט געזאגט דער הער הילפס־פרעדיגער. א האלבע שעה אין דער פריה, און נאכמיטאג ווען מיר וועלען געהן אין קירכע, און ווען מיר וועלען וועקסלען די רינגען.

געארג: הם, הם!

טרודע: ווייסטו געארג, מאמא, האט געזאגט, אז וואס א כלה חלומ'ט די נאכט פאר איהר חתונה ווערט עס זיכער מקוים. גלויבסטו אויך אין דעם ?

געארג: (צעשטרייט, זעלבסטפערשטענדליך) יא.

טרודע: איך האב גע'חלומ'ט פון א געלבען פעלד, בעוואקסען מיט הויכע זאנגען, אין וועלכען ס'האט זיך בעהאלטען א קליינינטשקער האז. און איבער איהם אין דער הויך איז ארומגעפלויגען א רויב־פויגעל און האט געזוכט. און דאן האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך אליין בין דער האז, און האב געהאלטען אין איין שרייען: געארג, געארג! און דאן האט זיך דער רויב־פויגעל אויף מיר ארונטערגעלאזט! — דענק נור —

געארג: און דאן?

טרודע: און דאן האב איך ערוואכט. און א קאלטער שוויים איז געליגען געדיכט אויף מיין שטערען. נישט אמת, אז דו וועסט עס נישט וועלען ליידען. מיר דארף קיינער קיין שלעכטס נישט טהון ? איך בין דאך בלויז אן ארימער, קליינעטשקער, שרעקענדער האז ? נישט ?

גערג: (קוקענדיג שטאר פאר זיך) אך, גאט!

טרודע: גערג, איך וויל דיך עפעס פרעגען...

גערג: ?........

טרודע: האסט נישט ליעב קיין אנדערע?

גערג: (געשטערט) וואס איז דאס שוין ווידער?

טרודע: איך וויים, אז ווען א כלה לאכט נישט דעם טאג פון איהר חתונה האט זי אן אנדערען ליעב.

גערג: אך, דאס איז בלויז נארישקייטען, קליינישקע.

טרודע: ניין, איך האב דאס ערגעץ אליין געלעזען... אבער ווען אויך יא, גערג, איך פיעל אז מיין ליעבע צו דיר איז אזוי שטארק, אז זי וואלט קענען בערג ריהרען. דו וועסט זי שוין נאכהער פערגעסען, דו וועסט זעהן ווי שטארק איך וועל דיך ליעבען.

גערג: אבער קינד — — וואס......?

טרודע: ניין, ניין. דו זעהסט, איך בין אפילו נישט בייז. און ווי קען איך דען דאס זיין? איך בין דאך כמעט גאר נישט, און אנדערע דאנגעגען...... גערג, האט זי דיך אויך ליעב?

גערג: ווער?

טרודע: דו ווייסט שוין...אבער זיי גאנץ רוהיג, טהייערער גערג — זי וועט דיך שוין פערגעסען. דו האסט דאך געקענט ראבערט׳ען אונזער שכנ׳ס זוהן, ער האט זיך געוואלט ארייגשיסען א קויל אין קאפ ווען איך האב איהם צוריקגעוויזען, און דאך האט ער מיך שוין אין גאנצען פערגעסען! און ווייסטו, הײנט, ווען מיר וועלען שטעהן אויפ׳ן אלטאר — ווען מיר וועלען וועקסלען די רינגען, וועל איך דיך שטיל אנריהרען מיט מיין האנד, און מיר וועלען דאן בעטען גאט, אז זי זאל עס פערגעסען —— קיינער זאל נישט זיין אומגליקליך, און...גערג דו וויינסט?

גערג: איך?... ניין... ווארום זאל איך?

טרודע: דא זענען צוויי טרערען — זיי קייקלען זיך ארונטער — דא, דא, דא. (זי ווישט אפ זייגע טרערען מיט איהר טיכעל)

גערג: זאג מיין טהייערע — ווען מיר זאלען זיך יעצט פארט נישט קענען צוזאמען קומען?...

טרודע: ווי אזוי קען דאס געשעהן?

גערג: נא... ווען איך שטארב —— אדער אזוי ——

טרודע: (אומארימט איהם) רעד נישט אזוי —— נישט אזוי —— רעד נישט!

(מאריקקע טרעהט איין פון לינקס, בלייבט שטעהן בערוועגלאז ביי דער טיר און זעהט ווי זיי האלטען זיך אומארימט)

געארג: (דערזעהט זי, דערשראקען) לאז אפ. ——

טרודע: עס איז דאך בלויז היימכען.

מאריקקע: (לאנגזאם) ווי עס זעהט אויס האט איהר אייך זעהר שטארק ליעב?

טרודע: מיר האבען זיך אימער צו ליעב. איז דאס פיללייכט א חסרון! ערלויבסטו אונז דאס נישט פיללייכט?

מאריקקע: אך, פון מיינעטוועגען!

טרודע: (אין א שפאסהאפטען פארוואורף) ווי קומסטו איבערהויפט אהער —— דו? האסט דען נישט וואס צו טהון אין דער קיך?

מאריקקע: מאמא האט מיך ארויס געשיקט.

טרודע: אך, זיסע היימכען, דאן קענסטו מיר טאקע גלייך צו רעכטמאכען די האאר, דו ווייסט דאך מיר מוזען באלד געהן אין געריכט נאך א הייראטהאס-שיין —— יא?

מאריקקע: יא, איך קען דאס

טרודע: האסטו די האאר נאדלען מיט זיך?

מאריקקע. (שאקעלט איהר קאפ אויף ניין) איך געה זיי ברענגען (זי וויל געהן וואקעלט זיך אבער אויף די פיס)

טרודע: (גלעטענדיג איהר) דו קענסט דאך נישט —— דו ביסט דאך אזוי מיעד. קענסט דאך נישט געהן.

מאריקקע: אך, איך בין נישט מיעד.

טרודע: לאז, איך וועל געהן (שנעל אב)

מאריקקע: (פול מיט שרעק) טרודע!!!

געארג: איך מוז מיט דיר רעדען!

מאריקקע: רעד, איך בין דא.

געארג: דו זאגסט עס אזוי פיינדליך. איז פילייכט צווישען אונז שוין אלעס געענדיגט?

מאריקקע: אויב ס'איז אזוי אדער אנדערש. ס'איז גאנץ ענאל.

געארג: וואס פאר א אנדערש?

מאריקקע: אך, גאט, געארג דו האסט דאך טרודע'ן. דו האסט

דאך זי ערשט אזוי געצערטעלט. וואס ווילסטו פון מיר.

גנארג: איך מוז מיט דיר רעדען.

מאריקקע: דו זעהסט דאך אז עס קען נישט זיין.

טרודע: (קומט צוריק) דא זענען די הארנאדלען. (גיט זיי מאריקקען) איך האב אויך מיטגעבראכט דער מוטערס פוידער מאנטעל. אויך דעם קאם — און יעצט מוזטו ארויסגעהן גנארג. נאכהער וועסטו קענען אריינקומען און זעהען אויב ס'איז גוט.

גנארג: (מיט א בליק צו מאריקקע'ן) איך קען דא אויך זיין.

טרודע: ניין, ניין, דו וועסט מאכען שפאס. און דאן וועט עס היימכען נישט קענען טהון. זיי אזוי גוט גנארג, געה יעצט אין גארטען, יא?

גנארג: יא. (אב אין גארטען)

מאריקקע: נו יעצט ציה דאס ארויף —— זיי אזוי גוט! (האלט פאר איהר דעם פוידער מאנטעל)

טרודע: אך, איך וועל עס נור ארומנעמען ארום זיך.

מאריקקע: ווי דו ווילסט... און יעצט ווילסטו דעם צאפ ארונטער צו ארויף.

טרודע: אבער היימכען מיר האבען דאך אפגעמאאכט אויף ארויף. האסטו שוין פערגעסען?

מאריקקע: פערצייהע! איך געדענק שוין.

טרודע: נו, גיב מיר א קוש.

מאריקקע: (נעמט מיט האסטעגער בעוועגונג איהר קאפ איןביידע הענט און קוקט איהר שטארק אין געזיכט אריין)

טרודע: (שרעקענדיג) דו קוקסט מיך אזוי אן———אזוי מאדנע.

מאריקקע: (אומארימט זי שטארק) אך, דו, דו!

טרודע: אך, דו טהוסט מיר וועה!

מאריקקע: (לאכענדיג) און דו דען נישט?

טרודע: איך? ווי אזוי דען?

מאריקקע: (וועלכע האט איהר אנגעהויבען צו קאמען) דו קענסט דאך דיך עס אליין פארשטעלען. דו געהסט חתונה האבען און איך נישט. בין איך א ביסעל אייפערזיכטיג.

טרודע: (גלעט איהר הינטען ארום איבער'ן רוקען) נא, ווארט נור מיין זיסע. [זינגט] איבער א יאהר, איבער א יאהר, ווען די נאכטיגאל וועט זינגען.

מאריקקע: נו, וואס וועט זיין ווען די ‚נאכטיגאל וועט זינגען?
טרודע: דאן וועסטו זיין דעם הילפס־פרעדיגערס פרוי.
מאריקקע: וועלכע האלט אַ צאָפּ אין האנד, ברענגט אויס אין אַ געלעכטער, און בויגט זיך אויף הינטערוויילעכס צוריק.
טרודע: אוי! דו רייסט. דו ווייסט דאך, ——— אז אין דער לינקער זייט בין איך זעהר עמפינדליך.
מאריקקע: נאַ, עס שאדעט נישט. ווען מען איז אזוי גליקליך ווי דו קען מען אויך פערטראגען אַ ביסעל שמערץ... מען פערפלעכט דאס אין צאָפּ. דו ביסט דאך גליקליך——נישט? זעהר, הא?
טרודע: אָך, איך וואלט געקענט—איך בעדארף עס זיין, אבער ער איז אזוי טרויעריג.
מאריקקע: נעארנ!? (טרודע שאקעלט מיט'ן קאפּ)
מאריקקע: ווארום דען?
טרודע: אָך!
מאריקקע: (פארשטענדיג) פיליכט האסטו רעכט געהאט. פיליכט האט ער דאך אַן אנדערע ליעב.
טרודע: (מיט אַ שטילע ערשטוינונג) אָך, ווארום זאגסטו דאס?
מאריקקע: ווייל... ניין, ניין, ניין! ווי קען ער דאס? דאס איז געוועהן העסליך פון מיר, נישט? ווי קען ער נאר האבען אַ הארץ דאס צו טהון, ווען ער זעהט דיך.
טרודע: דאך, דאך! איך האָב איהם שוין וועגען דעם געפרעגט.
מאריקקע: (פארשענד) און וואס האט ער געזאגט?
טרודע: גאר נישט. אבער דער נאך האט ער געוויינט!
מאריקקע: (פאר זיך) ער האט געוויינט!
טרודע: און דער נאך האט ער געזאגט: ווען מיר זאלען פיליכט דאך נישט קענען צוזאמען קומען.
מארעקקע: וועהר נישט צוזאמען קומען,—דו און ער?
טרודע: יא, ווען ער זאל פיליכט שטארבען.
מאריקקע: ווען ער... אזוי, דאס האט ער געזאגט... (מיט אַ היפּאקריטישען טאָן) אָך, דאס האט ער בלויז נאר אזוי גערעדט.
טרודע: נאטירליך, האט ער דאס בלויז גערעדט. אבער וואס איז וועגען דער אנדערער פרוי? איך האב זיך געמאכט אזוי ווי מיך ארט דאס נישט. און אין דעם אויגענבליק האב איך טאקע אזוי געפיעלט.

אבער ווען איך דענק דערפון יעצט, אָה גאט! ווען דאס זאל אזוי זיין! ייען איך וואלט דאס נור וויסען!!

מאריקקע: דיר נאטירליך וועט ער דאס נישט זאגען.

טרודע: און אַן אנדערען דענקסטו יא?

מאריקקע: דאך ניכער, ווי דיר.

טרודע: יא, יא.

מאריקקע: זאל איך איהם פרעגען?

טרודע: אַך, ווען דו זאלסט עס נור טהון, היימכען ווען דו זאלסט — —

מאריקקע: נו יעצט זענען מיר שוין פערטיג. נעם שנעל דעם פוידער־מאנטעל און די רעשט האר־נאדלען און געה.

טרודע: און דו מיינסט ווירקליך אַז ער ויעט עס דיר זאגען?

מאריקקע: זיי גאנץ זיכער, מיר וועט ער עס זאגען.

טרודע: אַך היימכען ווי איך וועל דיר דאנקען דערפאר, ווי—

מאריקקע: געה, געה! (שטופּט זי כמעט ארויס דורך דער טיהר דאן גלייכט זי זיך אויס) אה, אה אה! (רופט שטיל) נעארג! עס הערט זיך אַ קלאפּ אין דער טיר)

מאריקקע: אריין!

פּכעטם: (קומט אריין פון רעכטם) אַך, פרייליין היימכען! דער בעל־הבית איז נישטאַ?

מאריקקע: ניין, הער פּלעטס.

פּלעטס: דער הער הילפּס־פּרעדיגער, וויל מיט איהם עפּעס רעדען. — אָה, דאָ איז ער זעלבסט.

האפּפּקע: (קומט אריין) גוט מארגען, פרייליין היימכען!

מאריקקע: גוט מארגען (דערלאנגט איהם צעגערענד די האנד)

האפּפּקע: איך וועל שוין דא ווארטען, הער פּלעטס.

פּלעטס: זעהר שעהן. און יעצט זייט אזוי גוט פרייליין היימכען. גיט מיר דעם שליסעל פון קעלער. דאס ביירישע־ביער דארף באלד אַנקימען. און איך וויל עס לייגען אויפ׳ן אייז.

מאריקקע: (נעמט אַ שליסעל פונ׳ם שליסעל־ברעטעל און דערלאנגט איהם) נאט אייך.

פּלעטס: (אַ דאנק. אפּ)

האפּפּקע: נו, איהר רעדט גאר קיין וואַרט נישט?

מאריקקע: וואס זאל איך רעדען, הער פרעדיגער?

האפפקע: פרעהט איהר אייך דען גאר נישט היינט?

מאריקקע: ניין.

האפפקע: אין אויך נישט דאס וואס מיר וועלען פערלהאבט ווערען?

מאריקקע: מיר וועלען פערלאבט נישט ווערען, הער פרעדיגער.

האפפקע: (ווי דערשלאגען) אך, אזוי.

מאריקקע: איך געה היינט אוועק פון דאנען.

האפפקע: אהאה.

מאריקקע: היינט פערלאז איך דאס הויז.

האפפקע: ערלויבט מיר נאר, איז דאס פיכייכט ווייל איך בין צו אייך צוגעשטאנען, צו נישט?

מאריקקע: ניין, איהר זענט גאר צו מיר נישט אזוי צוגעשטאנען.

האפפקע: האב איך פיליייכט מיט אייך עפעס שלעכט געמיינט?

מאריקקע: איהר האט גוט געמיינט הער פרעדיגער—אבער—

האפפקע: אלזא איך האב דערין גאר קיין שולד, וואס איהר פערלאזט דאס?

מאריקקע: געוויס נישט.

האפפקע: ווייסט שוין עמיצער דערפון?

מאריקקע: קיינער.

האפפקע: אזוי...אזוי...היימכען איך בין נאך זעהר א יונגער מאן ווען מיין מויל זאל ארויס רעדען אזא ווארם ווי "לעבענס־גליק" וואלט עס פילייכט געקלינגען קאמיש. דארום וויל איך פון זיך גאר נישט רעדען. איך וועל שוין מוזען אליין זעהן, ווי עס איז דורכצוקומען. און ווען איך זאג אייך יעצט היימכען האט איהר אייך קלאר געמאכט וואס איהר זענט דיעזען הויז שולדיג. דאן זאג איך עס נישט פון מיינעטוועגען אדער פאר'ן הויז וועגען. נאר פאר אייערעטוועגען, און צוליעב אייך אליין...... נאטירליך איך בין נישט מעהר ווי א מענש, און מיין הארץ טהוט מיר אביסעל וועה — אבער שוין אבגעזעהן דערפון היימכען, ווען איהר וועט אין דיזען הויז אריינברענגען א שלעכטען טאָן, דאן וועט די שולד פאלען אויף אייך און נישט אויפ'ן הויז

מאריקקע: דאס קען זיין.

האפפקע: ערלויבט נאר, איך וויל נישט פרעגען, און וויל נישט וויסען, און אם ענדע איז דאס, דאס בעסטע. ווען איך וואלט אייך נישט ליעב געהאט, ווי זיך זעלבסט. דאן וואלט איך צו אייך מעהר קייןווארט גערעדט. אבער יעצט וויל איך צו אייך נאך איינס זאגען, איינס, וואס איך וואלט — ביי גאט -- געזאגט בלויז צו זיך אליין: דאס שעהנ־סטע, דאס העכסטע, וואס דער מענש פערמאגט איז זיין לעבענס מע־לאדיע. א געוויסע מעלאָדיע וועלכע קלינגט אין איהם אימער צו, וועלכע זיין זעעלע אימער זינגט, אין וואכען אדער טרוימען, הויך אדער שטיל. אינווייניג אדער אויסענווייניג. אנדערע קענען זאגען „זיין וועזען איז אזוי אדער אזוי, זיין כאראקטער איז אזוי אדער אזוי" ער אבער לאכט בלויז דער פון" ווייל זיין מעלאדיע די קען ער גאנץ אליין. איהר זעהט מיין לעבענס גליק האט איהר מיר היינט צושטערט, אבער מיין לעבענס מעלאדיע דו קענט איהר ביי מיר נישט נעמען. זי איז ריין און וועט אימער צו בלייבען ריין. אבער ווען איהר היימכען, ליעבע היימכען, וועט דאס הויז וועמען איהר זענט אלעס אין דער וועלט שולדיג אנפילען מיט זארג, ווען איהר וועט אייך פערזינדיגען געגען איער פאטער אין מוטער—

מאריקקע: מיין פאטער און מיין מוטער? וואס ווייסט איהר פון זיי הער פרעדיגער? ווער מיין פאטער איז דאס ווייס איך אויך נישט, אבער מיין מוטער, יאָ, איהר קען איך. פון איהר האב איך אבגעירשענט מיין לעבענס מעלאדיע, און דערצו אויך זעהר א שענעם טעקס. ווייסט איהר ווי ער הייסט? גנב'נען מוזטו. גנב'נען דיר דיין לעבענס-גליק, ליעבע, און אלעס, אלעס מוזטו פאר זיך גנב'נען. אבער עס וועט אימער זיין אן אנדערע וועלכע וועט דאס אלעס קריגען. אָה יא, איהר זעהט מיין מוטער זי גנב'עט, זי איז נעקראכען יאהאָנים-נאכט איבער'ן צוים. און אזוי ווי מיין מוטער, אזוי וועל איך אויך טהון! און יעצט הער פרע־דיגער פרעגט מיך נישט מעהר, ווייל איך דארף מיינע חושים פאר זיך אליין, ווייל היינט שטעהט מיין שיקזאל אין קאָן — אזוי —— יעצט ווייסט איהר שוין.

האפפקע: יא, יעצט ווייס איך. זייט געזונד היימכען. איך וועל פיליכט פערגעסען דעם טאג, אבער אייך קיינמאהל נישט. (ער געהט אב)

טרודע: (לינקס אין דער טהיר) איז דאס געווען געארג וועלכער איז יעצט ארויסגעגאנגען?

מאריקקע: דו ביסט גאר געשטאנען ביי דער טהיר?

טרודע: אך! שעם זיך!!

מאריקקע: נעה, נעה יעצט. טהו זיך אָן, און איך וועל יעצט אריין רופען געארג'ען, נעה.

טרודע: און דאן וועסטו מיר קומען גלייך זאגען, יא?

מאריקקע: יאָ, יאָ. (טרודע געהט אב)

מאריקקע: (געהט ארויס אין גארטען, רופט שטילער ווי בעפאר) געארג! — געארג!

געארג: (נאך אויף דער טעראזע) ביסטו אליין?

מאריקקע: (טרעסעלט מיט'ן קאפּ אויף יא)

געארג: אַך אזוי, דו האסט עס אזוי איינגעארדענט.

מאריקקע: דו האסט געוואלט מיט מיר עפּעס רעדען, האב איך עס אזוי איינגעארדענט.

געארג: און ווען איך זאג דיר יעצט, הײמכען: נאך א שטונדע לאנג בין איך פריי, נאך האב איך מיין פולע מאכט צו וועהלען, נאך איז צייט צו ענדערען מיין שיקזאל, וואס וועסטו מיר ענטפערען?

מאריקקע: וואס קען איך דיר ענטפערען? איך וויים נישט וואס דו ווילסט.

געארג: ווען עס קומט צו וועלען וויל איך דיך. ווייסטו עס דען נישט? דו געהערסט דאך צו מיר פאר'ן גאנצען לעבען, דיך וויל איך.

מאריקקע: (זאנפט און גליקליך) איך האב געמיינט אזוי ווי די פייערען וועלען זיין אויס, וועסטו מיך פערגעסען, אין יעצט ווילסטו מיך ווירקליך?

געארג: (מיט אַ איינגעהאלטענע שטימע) ביסטו דען שוין נישט אזוי גוט ווי מיין פרוי?

מאריקקע: יאָ, און פאר מענשען וועט עס ווערען טרודע.

געארג: מה עס דען אזוי זיין?

מאריקקע: (אונגלויבליך) נעה, נעה! דו ווייסט דאך אליין אז דו האסט זי ליעב — טרודען

געארג: יאָ, איך האב זי ליעב. ווי אזוי זאל איך זי נישט ליעבען? האסטו זי נישט ליעב?

מאריקקע: [ביטער] איך וויים נישט. זינט איך האב פריעהר געזעהן ווי צערטליך דו ביסט מיט איהר געוועהן... און געוויינט האסטו אויך בלויז וויל דו האסט זי ליעב. יאָ אבער ווי איך לייד, ווי איך —ווי

איך —— אך! ... נאַ, דאס געהט דאך גאט זיין דאנק קיינעם נישט אָן.

גערג: אזוי, דאס געהט מיך נישט אָן? דו קענסט נאך עפּעס בעסערס טהון ווי מיך צו קוועלען, איך האב געוואלט זיין אַן ערליכער מאַן מיין גאנץ לעבען לאנג, און ווען איך וועל דאס מעהר נישט קענען זענען נאך דא גענוג קוילען.

מאריקקע: אלזא, דו ווילסט ווירקליך שטארבען?

גערג: איך וויל נישט — איך מוז!

מאריקקע: אך, גערג, דאן נעם מיך מיט. (ער טרעסעלט זיין קאפּ).

מאריקקע: אך, איך האב דיר שוין דאמאלס מיט עטליכע יאהר צוריק געוואונשען —— צו טויטען. און א געשטארבענעם וואלט איך דיך געקושט ווי א וואהנזיניגע. און דאן וואלט איך זיך אליין געטויטעט.

גערג: דאס איז נארישקייטען, קינד! זעהסטו דען נישט אַ, מען האלט זיך אין איין דרייען ארום אין א קרייז —— אימער ארום און ארום — און אם ענדע געפונען מיר נישט קיין אנדערען אויסוועג ווי דער טויט.

מאריקקע: אך, שטארבען וואלט איך געוואלט זעהע גערן. אבער נאך פיעל ליעבער וואלט איך וועלען מיט דיר לעבען.

גערג: דערצו מיין טהייערע פאדערט זיך פון אונזביידע מעהר קוראזש ווי צום שטארבען.

מאריקקע: ווארום?

גערג: קענסטו דאס נאך פרעגען? אין דעם הויז וואס האט אונז פאר מענשען געמאכט, דיך אזוי גוט ווי מיך. ווי מיר האבען נעקריגען שוין, נאהרונג און ליעבע? האסטו דען מוטה זייער גליק צו צושטערען, און נאכהער נאך אליין גליקליך זיין?

מאריקקע: אונזער אלטער פאסטאר האט אימער געזאגט: מוטה מוז מען צו אלעמען האבען, בלויז נישט צו אונרעכט. איך אבער וואלט אויך געקענט האבען צו אונרעכט.

גערג: זאל איך דיך שטעלען צו פּראבע?

מאריקקע: ווען דו גיסט מיר יעצט די האנד און זאגסט. קום לאמיר אנטלויפען הינטען ארום דורכ'ן גארטען וועג, אזוי ווי מיר שטעהן גלייך די מינוט, וואלסט דו שוין געזעהן, ווי איך וואלט געלאפען.

גערג: וואס? — אין געהיים — אהן עמיצען צו זאגען — דאס מיינסטו?

מאריקקע: דו נישט?

גערג: (לאכט ביטער) ניין.

מאריקקע: נו — וואס דען?

גערג: געזיכט צו געזיכט. ווי א מאן! דאָ שטעהט ער — דאָ שטעה איך. גיט ער מיר מיין ווארט צוריק איז גוט. (פערביסען) טהוט ער עס נישט — איז אויך גוט.

מאריקקע: אָה גאט, אָה גאט. דו ווייסט דאך ווער ער איז, ווען ער קומט אריין אין כעסן. ער קען אונז ביידע טויטען. פאס אויף ער וועט אונז ערמארדען.

גערג: דאס וועט אויסקומען אויף איינס.

מאריקקע: טייערער גערג. בעדענק זיך.

גערג: איך האב זיך איבער געדענקט צוויי נעכט. איינס איז וואהנזין אין דאס צווייטע איז וואהנזין. קיין אנדער איסוועג איז נישטא. (שמערצליך) נאָר דאס קינד טהוט מיר לייד.

מאריקקע: נאָ. ווען דאס קינד טהוט דיר לייד! ——

גערג: אלזא דו בעשטעהסט? (מאריקקע טרעסעלט מיט'ן קאפּ אויף יאָ)

גערג: גוט. אבער געדענק, דאָ איז א פראגע פון לעבען און טויט. וועסטו האבען מוטה מיט מיר צו זיין דערביי?

מאריקקע: (שווערט) איך — איך זיין דערביי, ווען דו וועסט איהם זאגען?

גערג: וואס? דאס גאנצע לעבען ווילסטו מיט מיר טיילען — יעדען פארוואורף — אלעס — און אין דיזער שטונדע, וועלכע איז לויט נאך אומשטענדען נישט די ערגסטע וואס מיר וועלען נאך דארפען דורכגעהן, וויכסטו מיך שוין לאזען אין דער קלעם?

מאריקקע: דאס נישט. זיכער נישט. אבער מיר האבען דאך אלע דאָ אין הויז פאר איהם אימער צו געציטערט, און יעצט זאל איך...

גערג: אויב דו קענסט דאס אפילו נישט —

מאריקקע: אויב עס איז נויטיג — יא — וועל איך עס טהון!

גערג: דאן אזוי שנעל ווי ער קעהרט זיך אום! (מען הערט רעכטס פאגעלרייטערס שטימע שווערעכענדיג) דאָ איז ער.

פאגעלרייטער: דאס איז דאך אמת'ע וואונדער! הערט נור קינדער... טרודע איז דאָ נישטאָ? וואו איז זי פרעג איך ——

מאריקקע: [ציטערענדיג] זי טהוט זיך אָן פּאפּאָ'לע.

פאגעלרייטער: נאָ, דאס וועט פאר אייך אויך זיין אייניגער-מאסען אינטערסאנט. אלזאָ, ערשט יעצט האב איך אָנגעטראפען אונזער האפפקע ווען ער איז ארויסגעקומען דאָ פון הויז. האט ער מיר געזאגט אז דער אלטעטשקער איז מיט איינמאהל אויפגעשטאנען און געהט ארום אין צימער. און האט ערקלעהרט אז ער אליין וועט האלטען די טרויאונגס-רעדע. נאָ?...מאכט עס גאר אויף אייך קיין איינדריק? פרעהט עס אייך גאר נישט?...

געארג: הם —

פאגעלרייטער: נו יאָ! דו ביסט דאך נאטירליך א הייד. אבער איך דענק, אז אונזער הילפס-פרעדיגער מוז זיך פיהלען זעהר שלעכט. ער האט זיך נעבעך געשארפט פאר די רעדע פאר די לעצטע פאָר טעג. ד'האט אויסגעקוקט ווי א טויטער; אבער וואס קען מען איהם העלפען.

געארג: ענטשולדיגט אנקעל, דאמיט מיר זאלען נישט פערלירען אונזער צייט. וויל איך בעטען פאר אן אונטעררעדונג.

פאגעלרייטער: שוין ווידער איינע? קען מען פיליייכט עס אָפּלייגען פאר נאכמיטאג?

געארג: ניין, נאך פאר דער צערעמאניע, אויב דו וולסט זיין אזוי גוט.

פאגעלרייטער: (מיט א צעשטרייטען פערדעכטיגען בליק) הע......(בערויהגט זיך און לאזט ארויס איין קורצען געלעכטער) אך, איך פערשטעה האסט זיך בעדאכט ווען עס איז נאך צייט פון מיר ארויסצושלעפען א גרעסערען נדן — הע? (צו מאריקקען) נאָ, זעה דו זאלסט נישט פערשפעטיגען.

(פלעטס קומט אריין]

פאגעלרייטער: וואס ווילט איהר?

פלעטס: (מאכט איהם א צייכען)

פאגעלרייטער: זעהט נאר, ער פינטעלט מיט די אויגען ווי א קראנקער האן! איהר קענט נישט רעדען אידיאָט איינער!

פלעטס: ניין, איך קען נישט, איך האב אייך עפּעס צו זאגען אין געהיים.

פאגעלרייטער: נאַ, ווען איהר דארפט מיר עפּעס זאגען איז געחיים, דאן קומט אהער.

פלעטס: מיר האבען יעצט געכאפּט די אַלטע.

פאגעלרייטער: די?—? (ווארפט א זייטיגען בליק אויף מאריקקען)

פלעטס: (שאקעלט מיט'ן קאפּ)

פאגעלרייטער: מאריקקע, דו קענסט זיך יעצט אביסעל אונטערהאלטען מיט גנארגען. ער איז זעהר אַן אינטערעסאנטער יונגער-מאן (שטיל) וואו דען?

פלעטס: אונטען אין קעלער. אזוי ווי איך בין ארונטער געגאנ-ווען לעגען דאס ביער אויפ'ן אייז איז זי געשטאנען אין א פינסטערען ווינקעל פול מיט פּעקליך.

פאגעלרייטער: איז זי נאך הינטען?

פלעטס: געוויס, זי וועהרט זיך ווי דער טייפעל.

פאגעלרייטער: ווען מיר באפּען איהר נאר. דאן וועלען מיר פון איהר פּטור ווערען פאר א פּאָר יאהר — — ווען מיר זאלען איהר נור קענען דורכפירען דורכ'ן פאר-הויז קיינער זאל נישט בעמערקען.

פלעטס: ס'וועט שוין זיין גוט. מיר וועלען איהר פערשטאפּען ס'מויל.

פאגעלרייטער: און אין דער זעלבער צייט וועל איך אייך א פּראָטאָקאל אויסמאכען, אין דאס איבערגעבען דעם פּאָליציי-מייסטער. ס'וועט שוין זיין גוט... קינדער מען רופט מיך ערגעץ פאר א פּאָר מינוט איך קום באלד צוריק.

גנארג: פערגעס נישט, ליעבער אנקעל.

פאגעלרייטער: איך זאג דאך אז איך קום — קומט פלעטס.
(פאגעלרייטער און פלעטס געהן אפּ)

גנארג: דו ציטערסט אזוי!

מאריקקע: איך ציטער נישט.

גנארג: היימכען, איך בין לעבען דיר. קיינער קען דיר קיין שלעכטס טהון.

מאריקקע: אך, ס'איז נישט דאס.

גנארג: וואס דען?

מאריקקע: איך ווייס נישט. עס איז איבער מיר געקומען מיט איינמאהל. (דערשראקען) ששש! ער קומט! (מען הערט פון רעכטס א שאררען און קלאפּען מיט פיס, און האלבפערשטיקטע געשרייען פון א פרויענשטימע)

גנארג. וואס זאל דאס הייסען?

מאריקקע: אום גאטעס ווילען — שטיל!

די שטימע פון דער ציגיינערין: (רופענדיג נאך הילף) טאכטער-קע, מיין טאכטערקע — פריילינקע — מאריקקע!!

מאריקקע: הערסט... הערסט... מיין מוטער...... זיי געהן

יעצט מיין מוטער ארעסטיטען — שטיל — מאך נישט אויף די טיר !...
גאנץ שטיל ! דאס האלב פערשטיקטע געשריי אין דרויסען הערט זיך ווידער)

געארג: ווי'סטו נישט צו איהר ארויסגעהן ? עס מאכט נישט אויס וואס זי זאל דארט נישט האבען געטהון.

מאריקקע: ווי קען איך דען ?... איך... איך שרעק זיך !

געארג: זאל איך פיליכט — ?

מאריקקע: בלייב דא,... בלייב דא. גאנץ שטיל... גאנץ שטיל... אזוי, יעצט איז זי אוועק ! א דאנק גאט ! (אויפשרעקענד) הערסט ? הערסט ! ... (נאך אמאל דערהערט זיך שטיל דאס געשריי) לאז זי שרייען. איך קען איהר נישט העלפען...... איך בין אזא גנב גראד ווי זי... איך האב זיך אויך אין דעם הויז ארייגעבראכען. אבער וואס האב איך ביי זיי גע'גנב'עט.

געארג: היימכען ליעבע, קום דאך צו זיך. דענק וואס אונז שטעהט נאך פאר !

מאריקקע: יא... יא... איך בין גאנץ רוהיג. פיעל רוהיגער ווי פריער. גאנץ רוהיג. וואס שטעהט דען אונז פאר ? ניין ! ניין !... איך וויל נישט... איך קען נישט... איך וויל נישט !

געארג: זאל עס הייסען אז דו... ?

פאגעלרייטער: (עפענט די טיר און בלייבט שטעהן) האט איהר עפעס געהערט, קינדער ? געשרייען. אדער עפעס אנדערש ?

געארג: יא מיר האבען געהערט שרייען. וואס איז דארט פאר־געקומען ?

פאגעלרייטער: אך, קלייניגקייטען. קימערט אייך נישט וועגען דעם. אן אלטע בעטלערקע. איך האב נאך בלויז אונטערצושרייבען. און דאן בין איך ווידער דא. (ראַש אב)

געארג: היימכען !

מארעקקע: שטיל ! רעד קיין ווארט מעהר ! די אין דרויסען מוז געהן איהר וועג. און איך מוז אויך מיינס געהן.

געארג: ווי מיינסטו דאס ?

מאריקקע: דו האסט אליין געזאגט. ס'איז וואהנזין. יא, יא, ס'איז וואהנזין ! אלעס וואס מיר טהון, אלעס וואס מיר ווינשען ! אלעס — אלעס !

געארג: היימכען !

מאריקקע: גלויבסט דו דען איין מאמענט אז מיר ביידע וועלען קענען גליקליך זיין ? איך קען דאך דיך. איך ווייס דאך וואס פאר א מענש דו ביסט. דו וועסט זיך קיינמאהל נישט קענען פערצייען און מיר אויך נישט. און אם ענדע וועל איך זיך נאך מוזען נעמען דאס לעבען. נאר דערפאר ווייל איך בין געשטאנען אין דיין וועג. יא, יא, דאס וועט זיין די ענדע.

ג ע א ר ג: הײמכען, זאל קומען װאס עס װיל — איך בעלאנג צו דיר מיט אלעמען, מיט אלעס װאס איך בין, מיט'ן שלעכטען און מיט'ן גוטען — דו װײסט דאך דאס!

מ א ר י ק ק ע. יא, א דאנק גאט יא,

ג ע א ר ג: װען עס װאלט נאר געװעהן א מעגליכקײט, דער קלענסטער שימער פון א מעגליכקײט. ארױס צו קומען פון דיזען קרײז— דאן װאלטען מיר געװען פרײ. דאן װאלטען מיר געקענט... אבער װאס מיר זאלען נישט אנפאנגען, פון אונזערע פפליכטען געגען דעם הױז װעלען מיר זיך קײן מאל נישט בעפרײען—קײן מאל אין לעבען—קײן מאל!

מ א ר י ק ק ע: אלזא װאס װילסטו דען נאך?... אלעס װאס עס איז געװען פאר אונז בײדע אויף דער װעלט דאס שעהנסטע דאס ליעבסטע, דאס האבען מיר דאך שױן געגעבען אײנס דאס אנדערע. מעהר איז נישטא נישט פאר דיר. נישט פאר מיר. די יאהאניס־נאכט איז פערבײ, די פײערען זענען אויס, אין גאנצען אויס.

ג ע א ר ג: און װאס זאל יעצט װערען?

מ א ר י ק ק ע: פון דיר? דאס װײס איך נישט. פילײכט װעסטו זײן גליקליך. און פילײכט נישט. דאס מוזטו שױן מיט זיך אלײן אבמא־כען. און איך? אך, פאר זיך װעל איך שױן אלײן זארגען דו קענסט זײן גאנץ רוהיג. אזױ שנעל װי איך װעל נאר קענען װעל איך פון דאנען אװעק — נישט הײנט װי איך האב געװאלט — זײ קענען נאך קריגען א פערדאכט —

געארג: אװעק? װאוהין?

מאריקקע: װאס װײס איך? די װעלט איז גרױס. איך װעל אװעק װײט, גאנץ װײט, װי קײנער װעט מיך קײנמאהל נישט קענען זעהן. אפילו דו געארג אויך נישט.

ג ע א ר ג: און װען דו װעסט מיר דארט צו גרונדע געהן?

מ א ר י ק ק ע: שרעק זיך ניט. איך בין א קינד פון נױט. איך האב פערהארטעװעטע פינגער— זעהסט, זעהסט! און א הארט הארץ האב איך אויך. איך װעל ארבײטען ביז איך װעל אומפאלען, און דאן װעל איך שלאפען ביז די ארבײט װעט זיך װידער אנפאנגען. און אזױ װעל איך שױן דורכקומען.

ג ע א ר ג: א קינד פון נױט זאגסטו. דו װײסט, איך בין אויך אזעלכעס. אבער דער רעכנונג צװישען אונז שטימט נישט. דו נעהסט אין עלענד, און איך האב דיך דערצו געטריבען. װען איך װאלט דיך אפילו נישט געליעבט אזױ װי איך ליעב דיך, דער געדאנק אבער װעט מיך פערפאלגען און פערביטערען מײן גאנצעס לעבען — אבער גוט...װײל מיר בײדע זענען קינדער פון נױט, קינדער פון עלענד, װעלען מיר יעצט בײדע צוזאמען בײסען אונזערע צײנער. אונז געבען אונזערע צװײ הארטע הענד, און זאגען אײנס צום צװײטען: זײ געזונד.

מאריקקע: (שטיל) זיי געזונד, טייערער געארג!... און... און... האב נישט מורא ער קומט נאך נישט — און פערצייע מיר, דו הערסט פון היינט... דו ווייסט שוין! ווען איך וואלט דיך נישט אזוי ליעב געהאט מיט מיין גאנצע נשמה וואלט עס געווים פאר מיר לייכטער געווען, אבער יעצט זאל שוין אלעס זיין ווי עס איז. איך וויים אז גאנץ ארים קען איך שוין יעצט מעהר נישט זיין. ווייל איינמאהל האט פאר מיר דאס יאהאַניס-פייער אויך געברענט. איין נאכט — איינמאַל.

געארג: הייםכען.

מאריקקע: (זיך ארומקוקענדיג) לאז! לאז אב!

(פרוי פאגעלרייטער קומט אריין אונטער איהר קומט אויך טרודע)

פרוי פאגעלרייטער: איז דער וואגען נאך נישטא, קינדער־ליך? וואו דענקט איהר קען זיין דער פאפא? עס איז שוין צייט.

מאריקקע: איך גלויב, מאמא׳לע, אז דא קומט ער שוין.

פאגעלרייטער: (אריינטרעטענדיג) נא, געגאנגען, געגאנגען, יא דאס הייסט, דו האסט דאך נאך געוואלט עפעס מיט מיר רעדען.

טרודע: (מיט א בליק אויף מאריקקען) א דאנק. אלעס איז שוין איינגעארדענט.

פאגעלרייטער: נא דאן שנעל: מיין ראָק, ראָק, ראָק! (ער ווארפט פון זיך ארונטער זיין רעקעל און ציהט אויף זיך ארויף זיין שווארצען פראַק, וועלכען פרוי פאגעלרייטער האט מיט זיך מיטגעבראַכט)

טרודע: (צו מאריקקען אויף דער לינקער זייט) נו, האסט דו איהם געפרעגט?

מאריקקע: (שאקעלט מיטען קאפ אז יאָ)

טרודע: און וואס — ?

מאריקקע: ס׳איז אלעס געווען נארישקייטען מיין קינד! ער ליעבט דיך. און נאר דיך אליין. ער האט קיין אנדערע קיינמאהל נישט געליעבט, זאגט ער. און ער־וועט־זעהר גליקליך זיין־זאגט ער.

טרודע: (כאפט איהם גליקליך ארום) מיין טייערער, טייערער געארג!

פאגעלרייטער: נו, נו? וואס איז דאס מיין קינד? ס׳וועט נאך זיין צייט נאכעהר אויך זיך צו צערטלען. קומט, קומט, קומט!

(אלע געהן איהם נאך צו דער טהיר, ביים ארויסגעהן קוקט זיך געארג נאכאַמאָל אום, ווערט אבער אוועקגעשלעפט פון פאגעלרייטערען, נאר מאריקקע בלייבט, זי שטעהט לינקס, דאס טאשענטיכעל צווישען די ציינער, און קוקט זיי נאך).

(פארהאנג).

PROGRES